ד. האָפּשטיין און פ. שאַמעס

# ליטעראַטור-קענטעניש

(פּאָעטיק)

## ערשטער טייל

## עלעמענטן פון ריטם און סטיל

4-טער און 5-טער טויזנט

דערלויבט דורך דעם מעלוכישן וויסנשאַפטלעך-מעטאָדאָ-
לאָגישן קאָמיטעט באַם פֿאָלקאָמבילד פון ר.ס.פ.ס.ר.

INSTITUTE

צענטראַלער פֿעלקער-פֿאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע
1928

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| פון די אויטאָרן | 3 |
| פאָרוואָרט | 4 |
| **I.** עלעמענטן פון ריטם | 7 |
| 1. מעטריק | 8 |
| 2. גראַם | 20 |
| 3. סטראָפיק | 25 |
| 4. אייפאָניע | 30 |
| **II.** עלעמענטן פון סטיל | 38 |
| 1. בילדער | 39 |
| 2. עפּיטעט | 43 |
| 3. פאַרגלייכונג | 50 |
| 4. מעטאַפאָר | 57 |
| 5. פערזאָניפיצירונג | 59 |
| 6. אַלעגאָריע | 63 |
| 7. סינעקדאָכע און מעטאָנימיע | 65 |
| 8. היפּערבאָל | 66 |
| 9. אַנטיטעזע | 67 |
| 10. פּאַראַלעליזם | 69 |
| 11. לעקסיק | 71 |
| 12. פּאָעטישער סינטאַקסיס | 78 |
| פאַרצייכעניש פון אויטאָרן | 85 |
| זוכצעטל | 86 |

דאס מענטשלעכע שאַפן אַף אַלע געביטן טראָגט אין זיך מי און נויטיקס יך אין ריטם. די מענטשלעכע שפּראַך איז צום ריטם אָנגעקומען, ווי מיר האָבן געזען, נאָך אין אוראַלטע צייטן, און אַף יעדער שטופע פון איר אַנט-וויקלונג, ווערט דער ריטם פון דער מענטשלעכער שפּראַך אַלץ פאַרשיידנאַר-טיקער. אַף די ערשטע שטאַפּלען פון דער קולטור-אַנטוויקלונג איז די שטרענגע געמאָסטנקייט שוין געווען אַריינגעבראַכט אין דער שפּראַך.

באַ די גריכן און באַ די רוימער האָט געמאָסטנקייט געהייסן מעטער (מעטראָן—מאָס).

# 1. מעטריק

## פערז און פּראָזע

א שטראַל פון דער זון האָט אַ כוואַליע געקושט
מיט ליפּן פון רייַנעם גינגאָלד.
אַ שפּרונג האָט די כוואַליע געטאָן, ווי צעמישט,
און לעבן שוין מער ניט געוואָלט.

א. שוואַרצמאַן

פריער פאַר אַלץ — קורצע שורעס. לייענען מיר די שורעס אין דער הויך, באַמערקן מיר אַן איינגעשטעלטן סיידער פון די קלאַנגען. באַ פּראָזע באַמערקן מיר דאָס, מיינסטנס, ניט. קעדיי אונטערצושטרייכן אָט דעם סיידער, לאָמיר דיזעלבע ליד ענדערן און לייענען, ווי פּראָזע:

אַ שטראַל פון דער זון האָט געקושט אַ כוואַליע מיט ליפּן פון רייַנעם גינגאָלד. די כוואַליע האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי צעמישט, און שוין מער ניט געוואָלט לעבן.

ס'גייט פאַרלוירן דער קלינגענדיקער סיידער, און דער גאַנצער איינדרוק פון ליד פאַרשווינדט.

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

מיר האָבן אָפּגעשאַפט דעם ריטם, ד. ה. דעם סיידער, לויט וועלכן די באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע קלאַנגען זיינען געגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן.

דער הויפּט-כילעק צווישן פערז און פּראָזע איז דער ריטם.

## פערז-טאַקט אָדער פערז-פוס

אַ שטראַל פון דער זון האָט אַ כוואַליע געקושט
מיט ליפּן פון רייַנעם גינגאָלד.
אַ שפּרונג האָט די כוואַליע געטאָן ווי צעמישט
און לעבן שוין מער ניט געוואָלט.



ס'איז אָנגענומען: אַ קלאַמערל ◡ באַצייכנט אַן אומבאַטאָנטן טראַף, און אַ טראַף איבער אַ קלאַמער ⏊ אַ באַטאָנטן. אַזוי אַרום איז דער סיידער פון אונזער ליד אַזאַ:

◡ ⏊ ◡ | ◡ ⏊ ◡ | ◡ ⏊ ◡ | ◡ ⏊
◡ ⏊ ◡ | ◡ ⏊ ◡ | ◡ ⏊

ניט געקוקט אַף דער פאַרשיידענער לענג פון די שורעס, ניט געקוקט אַפן סאַך זייערן, זעען מיר, אַז די גאַנצע ליד באַשטייט פון הויפּט-טיילן, צו דריי טראַפן יעדערער. די דריי טראַפן זיינען אָרגאַניזירט אַף אַ באַשטימטן אויפן. דער באַטאָנטער טראַף געפינט זיך צווישן צוויי אומבאַטאָנטע. דערדאָזיקער בוי פון דער ליד כאַזורט זיך איבער רעגלמעסיק. אָט דער באַשטימטער באַהעפט פון באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע טראַפן הייסט „פערז-טאַקט" אָדער „פערז-פוס".

דער פערז-טאַקט פון דער ציטירטער ליד ◡ ⏊ ◡ הייסט אַמפיבראַכי.

## מינים פון פערז-טאַקטן

דער באַשריבענער פערז-טאַקט איז אַ דריי-טראַפיקער. אָפט באַגעגענען זיך נאָך פאָלגנדיקע דרייטראַפיקע פערז-טאַקטן: דאַקטיל און אַנאַפּעסט.

קעפּעלעך דרייען זיך,
הערצעלעך זינגען,
גלייך ווי די פידעלעך,
זינגען און קלינגען.

מאני-לייב

אין דער ליד איז דער פערז-טאַקט אָרגאַניזירט אַף אַזאַ אויפן; איין באַטאָנטער טראַף, נאָך אים צוויי אומבאַטאָנטע ⏊ ◡ ◡, אַזאַ פערז-טאַקט הייסט דאַקטיל.

כ'האָב געזען אייך אַף רוישיקע גאַס אינדערמיט...
וויפל פּנעמער, בליקן, פאַרשיידענע טריט!
כ'האָב אייך אַלע געזען און געקומען אַהיים,
האָב איך אייערע הערצער דערפילט אין געהיים...

א. שוואַרצמאַן

אין דער ליד אין דער פערז-טאַקט אָרגאַניזירט אַף אַזאַ אויפן: דער באַטאָנטער טראַף שטייט נאָך צוויי אומבאַטאָנטע ◡ ◡ ⏊. אַזאַ פערזן-טאַקט הייסט אַנאַפּעסט.

פאַראַן פערז-טאַקטן, וואָס באַשטייען נאָר פון צוויי טראָפּן.
פון צוויי-טראָפּיקע פערז-טאַקטן זיינען אַמיינסטנס פאַרשפּרייט דער יאַמב און דער כאָריי.

אָף גייך צום פערד
די האנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן.

א. שוואַרצמאַן

אין דער ליד איז דער פערז-טאַקט אָרגאַניזירט אָף אַזאַ אופן: פאַרן באַטאָנטן שטייט אַן אומבאַטאָנטער ◡ ◡́. אַזאַ פערז-טאַקט הייסט יאַמב.

איינגע, ביינגע,
סטופּע ציינגע,
ארצע, באַרצע,
גאָלע שוואַרצע.

פאָלק-ליד

אין דער ליד איז דער פערז-טאַקט געבויט אַזוי: אַ באַטאָנטער, נאָך אים אַן אומבאַטאַנטער ◡́ ◡. אַזאַ פערז-טאַקט הייסט כאָריי.

פערז-טאַקטן:

| צוויי-טראָפּיקע | דריי-טראָפּיקע |
| --- | --- |
| יאַמב ◡ ◡́ | אַנאַפּעסט ◡ ◡ ◡́ |
| כאָריי ◡́ ◡ | דאַקטיל ◡́ ◡ ◡ |
| | אַמפיבראַכי ◡ ◡́ ◡ |

## די צאָל פערז-טאַקטן אין דער פערז-שורע

א פערז-שורע קען באַשטיין פון עטלעכע פערז-טאַקטן: פון צוויי ביז …כט (שורעס פון איין פערז-טאַקט און שורעס, וואָס האָבן מער פון אַכט,— …רעפן זיך זעלטענער).

### שורעס פון איין פערז-טאַקט

פעלדער,
וועגן,
שטויבן,
רעגן...
גלויבן
זיגן...

א. שוכעט



### שורעס פון צוויי פערז-טאַקטן

זילבער-וואָלקן,
פערל-וואָלקן,
ניט געאײַלט זיך,
ניט געלאָפן.

י. אַדלער

### שורעס פון דריי פערז-טאַקטן

עפּשער איז דיין קינדהייט,
עפּשער נאָך אין וויגל,
האָט דיין מאַמעס לידל
דיר געשאָדט די פליגל.

א. רייזין

### שורעס פון פיר פערז-טאַקטן

וואונדער-שיינע בוימער וואַקסן
וואונדער-שיינע בלומען בליען...

ש. פרוג

### שורעס פון פינף פערז-טאַקטן

טויבן-שטילע, בלויע אָוונט שטונדן,
שפּרייט פאַר מיר, מיין אָוונט-טרוים צעשפּרייטער!

מאני-לייב

### שורעס פון זעקס פערז-טאַקטן

אין שויס פון פאַרטרויערטע פעלדער, וואָס ציען זיך ווייט
אָן אַן ענדע,
באַהאַלט זיך א סאַזשעלקע איינזאַם, באַוועבט מיט אַ שטילער
לעגענדע.

ד. איינהאָרן

### שורעס פון זיבן פערז-טאַקטן

איך עפן מיינע אָרעמס ברייט, איך שטיי אינמיטן פעלד,
פון אונטן יאָגט די שטאָט מיך נאָך, פאַרויס אַ פרייע וועלט.

ז. סעגאַלאָוויטש

### שורעס פון אַכט פערז-טאַקטן

און אייביק זינגט דער יאַם דאָס אַלטע ליד, און ווערט
דערביי ניט אַלט...
און זע די וועל, וואָס פאַלט צום ברעג זא צו, און שוימט,
און רוישט, און פאַלט.

מ. ל. האַלפּערין

ניט שטענדיק טרעפט זיך, אז אַלע שורעס אין ליד זאָלן באַשטיין פון איינער און דערזעלבער צאָל פערז-טאַקטן, דער בוי פון ליד אין דער הינזיכט איז זייער פאַרשיידנאַרטיק. פאַראַן:

## רעגלמעסיקער בוי און אומרעגלמעסיקער

רעגלמעסיקער בוי: די צאָל פערז-טאַקטן אין באַשטימטע שורעס בייט זיך לויט איין איינגעשטעלטן סיידער.

די ארבעט טרייבט מיך פרי ארויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

מ. ראָזענפעלד

אומרעגלמעסיקער בוי: די צאָל פערז-טאַקטן אין שורע בייט זיך אָן אַ שום סיידער.

מיר שטאַמען פון פעלזן!
פון פעלזן, צעמאָלטע אַף מילשטיין פון צייטן...
מיר שטאַמען פון פעלזן,
וואָס האָבן דעם גוירל פאַרבונדן —
מיט יאַמען,
מיט ווינטן,
מיט ווייטן...

## ענדונג

דער לעצטער פערז-טאַקט ווערט געגעבן ניט שטענדיק איינגאַנצן; ס'טרעפט אָפט, אז ער ווערט געגעבן ביז נאָך זיין באַטאָנטן טראַף. די איבעריקע אומבאַטאָנטע טראַפן קענען זיין אפּגעוואָרפן. דעמאָלט איז די ענדונג אָפּגעהאַקט. פאַרשטייט זיך, אז דאָ רעדט זיך גאָר וועגן אַזעלכע פערז-טאַקטן, וואָס לאָזן זיך אויס אַף איינעם (כאָריי, אַמפיבראַכי) אָדער אַף צוויי אומבאַטאָנטע טראַפן (דאַקטיל).

די פעלדער צעשפּרייט אין דער לענג, אין דער ברייט,
די זון אַזוי מיד, ווי מיר אַלע, פאַרגייט.

ה. לייוויק

אַמפיבראַכישע שורעס.—אינם לעצטן פערז-טאַקט איז אָפּגעהאַקט איין טראַף,

מויערן שטיינערנע פינסטערע, הויכע
קריכן אין פינסטערן הימל אַריין.

מאני-לייב

אין דער ערשטער שורע (דאַקטיל) איז אפּגעהאַקט איין טראַף, אין דער צווייטער—צוויי טראַפן.



פאַרקערט, נאָכן שלוס-טראַף פון לעצטן פערז-טאַקט קענען שטיין איבעריקע אומבאַטאָנטע טראַפן.

אזוי פאַרשניידט זיך וועג אין פעלדער,
אזוי פאַרוואַקסט די ערד מיט טריט,
געטריי איז ביקס אין האַנט פון זעלנער,
געטריי איז נאָכט דעם טופּ פון טריט.

מ. שאַפּירא

אין דעם יאַמב האָט די ערשטע און דריטע שורע אַן איבעריקן טראַף אין לעצטן פערז-טאַקט.

שטייט אין פעלד אַ בוימעלע,
האָט עס גרינע בלעטעלעך,
זיצט דערויף אַ פויגעלע,
מאַכט עס צו די אויגעלעך.

י. ל. פּערעץ

דאָ האָבן מיר אַ כאָריי מיט אַ איבעריקן טראַף צום סאָף פון יעדער שורע

אַ שורע, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ באַטאָנטן הייסט אַ מענלעכע, אויב די שורע ענדיקט זיך אַף איינעם אַן אומבאַטאָנטן הייסט זי אַ ווייבלעכע. האָט זי אין דער ענדונג, ווי אין דער לעצטער ליד, צוויי אומבאַטאָנטע רופט מען זי דאַקטילישע.

צעזורע.

איבער יענער זייט באַרג, || איבער יענער זייט פלויטן.

ע. פינינבערג

סע קאָכט די מעדינע, || סע ברענט די מעדינע, || סע
שיסט די מעדינע.

ע. פינינבערג

די ערשטע פערז-שורע ווערט צעטיילט נאַטירלעך אַף צוויי טיילן, דורך פויזעס, די צווייטע פערז-שורע—אַף דריי, די פויזע, דער איבעררייס, וועלכער קומט שטענדיק אין איין און דעם זעלבן אָרט פון שורע, טראָגט דעם נאָמען צעזורע. באַם ריידן האָט אונזער שפּראַך איבעררייסן, זי פליסט ניט אומאויפהערלעך, ווי, לעמאָשל, דער גאַנג פון אַ זייגער; דער זאַץ האָט באַשטאַנד-טיילן, וועלכע מיר מוזן אָפּשניידן איינס פונם צווייטן; לעמאָשל, אין זאַץ:

„דער שטאַם און די צווייגן טויגן אַף הייצן". מוזן מיר אָפּטיילן דעם סוביעקט-טייל פון דעם פּרעדיקאַט-טייל מיט אַ פויזע, ד. ה., דער ערשטער

האַלבער זאַץ (דער שטאם און די צווייגן) שאפט איין ריטמישע כוואַליע, און דער צווייטער (טויגן אף הייצן) שאַפט נאָך אַ ריטמישע כוואַליע. ענלעכעס זעען מיר אין די איבגעבראַכטע פּערז-שורעס.

כוץ דער הויפּט-צעזורע, באַגעגענען מיר אָפט קורצערע פּויזעס נאָך איינצלנע ווערטער, וועלכע זיינען אן-און-פאַר-זיך ריטמיש פאַרגאַנצט. אַזאַ פּויזע ווערט באַצייכנט מיט איין ווערטיקאַל פּאַסעקל |, די הויפּט-צעזורע — מיט צוויי פּאַסעקלעך ‖.

**א נ ז ש א מ ב ע מ אַ ן.**

אוי, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט —
ליגט מיין קינד נאָך איינגעדעקט.
שלאָף נאָך, אָרעם פויגעלע,
עפן ניט דיין אויגעלע.

א. רייזין.

אין דער ליד זעען מיר, אַז נאָך יעדער שורע איז ניט נאָר מעגלעך צו מאַכן אַ פּויזע. נאָר דער אינהאַלט אַליין פאָדערט זי. יעדער שורע אין אין זין פון אינהאַלט א פאַרענדיקטע. לאָמיר נעמען אַ צווייטע ליד.

דאָרט ווייט ארונטער, בלייער און צעשפּרייטער
גייט די נאַכט. איך וואַרט אַליין.

דער אינהאַלט ליידט דאָ ניט קיין פּויזע נאָכן וואָרט „צעשפּרייטער", ווייל לויטן אינהאַלט ווערט די ערשטע שורע ערשט פאַרענדיקט אין דער מיט פון דער צווייטער. אויב מיר וועלן די צוויי שורעס דורכלייענען אַזוי ווי ס'פאָדערט דער אינהאַלט, וועלן מיר דערפילן, אַז ס'איז עפּעס צעשטערט געוואָרן אין ריטם.

די שורעס לייענען זיך ניט אַזוי גלאַט ווי אין דער פריערדיקער ליד.

דער פאַל, ווען די פּויזע לויטן אינהאַלט טרעפט זיך ניט אין איינעם און דעמזעלבן אָרט מיט דער סאָף-פּויזע פון דער שורע אָדער, אנדערש גע-זאָגט, ווען דער סינטאַקסיס „איז צעקריגט" מיטן ריטם — הייסט א נ ז ש א מ-ב ע מ אַ ן (enjambement). דער אנזשאמבעמאַן צעשטערט די זינגעוודיקייט פונם געדיכט, ער דערנעענטערט דאָס געדיכט צו דעם ריידן.

## ריטם פון ליד

אַ טאָג | אַ שטאָ | לענער, | אַ שפּאַ | גל ניי | ער
אַ האַרץ, | אַ יונגס,
אַן אייזערנער, אַן אַלטער עמער —





זיך שפּילן אַלע דרייען
מיט יונגע קלינגענדיקע טענער!..

ד. האפשטיין



ווי מיר זעען זיינען אין אָט דער יאמבישער ליד פאַראַנען 3 פּערז-טאַקטן, וואָס באַשטייען בלויז פון אומבאַטאָנטע טראַפן (שורע—1, פּערז-טאַקט—3; שורע—3, פּערז-טאַקט—2; שורע—5, פּערז-טאַקט—3).

אין פאַמעלעכדיקן לייענען לויטן טאַקט שטעלן מיר א באַטאָנונג אף יעדער צווייטן טראַף. אינעמעסן אָבער האָבן די אנגעוויזענע פּערז-טאַקטן קיין פעסטע באַטאָנונג ניט.

פון וואַנען נעמט זיך עס? די ווערטער „שטאָלענער", „אייזערנער", „קלינגענדיקער" האָבן נאָר איין הויפּט-באַטאָנונג. באַם איינטיילן אף יאַמבישע פּערז-טאַקטן קומט אויס די דאָזיקע ווערטער טיילן אף צווייען. אין איין פּערז-טאַקט פאַלט אריין דער ערשטער באַטאָנטער טראַף „שטאָ" „איי"... אין צווייטן פּערז-טאַקט פאַלן אריין די איבעריקע צוויי טראַפן, וואָס האָבן קיין פעסטע באַטאָנונג ניט.

ביכלאַל איז די שטאַרקייט פון באַטאָנונג אַזוי פאַרשיידן, אַז אינעמעסן אין דאָס איינטיילן בלויז אף באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע טראַפן, אפט נאָר א ביטנאַיעקס. אַזוי אַרום איז איין פּערז-טאַקט ניט ענלעך צום צווייטן. פריער סאַר אַלץ האָט יעדער פּערז-טאַקט אַנדערע קלאַנגען.

דער נאַטירלעכער ריטם פון דער ליד איז טאָמער קאָמפּליצירטער פונם מעטער. אַדאַנק דער אָנגעוויזענער פאַרשיידנאַרטיקייט אין דער באַטאָנונג, ווערט פאַרגיכערט אדער פאַרלאַנגזאַמט דער טעמפּ פון דער שורע.

דער מעטער — דאָס איז נאָר אַ האַפּט פון ריטם, לויט וועלכן די שורע ווערט געשטריקט.

ווען דער מעטער וואָלט געקאָנט פּינקטלעך אויסגעפילט ווערן, וואָלטן מיר באַקומען אָן אַ שיר איינטאָניקע לידער, וועלכע וואָלטן גאָרניט צוגע-געבן צו די פריערדיקע (אלע יאַמבן, וואָלטן אלציינס מוזיקאַליש געווידקט, דאָסזעלבע אלע כאָרייען א. א. וו.). יעדער ליד אָבער האָט זיך איר אייגע-נעם רעאַלן ריטם, וועלכער הענגט אָפּ פון א גאַנצער ריי סיבעס; פון די

באַטאָנונגען, און פון דעם ארויספאלן פון די באַטאָנונגען, פון פּוזעס, פון דער צאָל פערז-טאַקטן און זייער קוואליטעט (פון וואָס פאר א קלאנגען באַשטייען זיי).

באַם דרייטראַפּיקן מעטער באגעגענען זיך אפט אזעלכע אפּנויגן: דער אמפיבראכי גייט ליכט איבער אין א דאַקטיל און אנאַפּעסט, און פאַרקערט.

ווייט זיינען פעלדער פון טפיסע באַנאכט,
טויערן, שטיינער און היטער, וואס וואכט,
נאכט ווערט צעגאנגען אין בלוילעכן טאָג,
מיר הערן פון ווייטן א פייף פון א צוג.

א. ספּעסה

1-טע, 2-טע, 3-טע שורעס זיינען דאַקטילישע, די 4-טע באַקומט אין אָנהויב אן איבעריקן טראַף און ווערט אמפּיבראכיש.

געקומען פון דערטער מיט קאָרענע הענט, און מיט האָס און מיט פּולווער,
האט דער שלאבט זיך צעקלאקערט נאך הויזער, נאָך שטרענגער, נאָך ווילדער.

דא גייט איבער דער אמפיבראכי אין אן אנאַפּעסט.

## ריין-טאָנישער פערז

איך ווייס ניט | מיט וועלע | כע שלעסער,
פאַרשליסט מען | א הארץ פון | פּיין,
נאָר עפּשער, | נאָר עפּשער | איז בעסער
וואס אומעט | איז היינט מיין | פריינט.

א. קושניראוו

פונם ערשטן פערז-טאַקט קאָן מען מיינען, אז מיר האָבן דאָ צוטאָן מיט אן אמפיבראַכי; אינדערעמעסן אבער געפינען מיר דאָ א ריי פערז-טאַקטן, אין וועלכע דער אמפיבראַכישער בוי איז צעשטערט, דעהיינע:

אין דער צווייטער שורע און אין דער פערטער באַשטייען די לעצטע פערז-טאַקטן בלויז פון איין באַטאָנטן טראַף.

וועגן דער ליד קאָן מען נאָר ביטנאַי זאָגן, אז זי האָט אן אמפיבראַכישן שניט, ביכלאַל צוגיין צו אזויבע לידער מיט א שטרענגער מעטרישער מאָס איז איבעריק. דאָס וואָס מיר האָבן די אויבנגעבראַכטע ליד געטיילט אַף פערז-טאַקטן, איז בלויז געווען א מיטל אַף צו באַווייזן דאָס אוועקגיין פונם מעטער. פאַרן ריטם פון דער ליד איז וויכטיק ניט די אויסגעהאַלטנקייט פון די פערז-טאַקטן, נאָר די באַטאָנונגען, ארום וועלכע עס גרופּירן זיך פאַרשיידנאַרטיק די אומבאַטאַנטע טראַפן, (יעדער שורע האָט אין זיך דריי באַטאָנונגען).

אזא פערזנבוי, וואס ס'ווערן גענומען אין אַכט נאָר די באַטאָנונגען, שאַפט די ריין-טאָנישע סיסטעם.

די סיסטעם, וועלכע רעכנט זיך, סאַי מיט די באַטאָנטע, סאַי מיט די אומבאַטאָנטע טראַפן, הייסט סילאַביש-טאָנישע סיסטעם (פון לאַטייניש silaba — טראַף).



די אויבנגעבראַכטע 4 שורעס האָבן איינע און דיזעלבע צאָל באַטאָנונגען (יעדערע צו דריי), קימאַט איינע און דיזעלבע צאָל טראַפן (8—7—9—7).

פאַראַן אָבער ריין-טאָנישע לידער, וועלכע האָבן שוין ניט קיין שום שפּורן פון רעגלמעסיקייט, די פערז-שורעס זיינען פון פאַרשיידענער לענג מיט א פאַרשיידענער צאָל באַטאָנונגען, דאָך ווערט די גאַנצע ליד לויטן אינהאַלט איינגעטיילט אין אַזעלכע ריטמישע גרופּן, אַז דער איינדרוק פון ריטם גייט ניט פאַרלאָרן. דער ריטם פון ליד ווערט אַזוי ארום געבויט אַף די ריטמען פון אירע סינטאַקסישע גלידערונגען און אינערלעכע בילדער.

די ריין-טאָנישע סיסטעם, אינם ערשטן וואַריאַנט אירן, ווערט אין דער לעצטער צייט ברייט פאַרשפּרייט אין דער נייסטער אידישער דיכטונג.

ס'איז פאַרשטענדלעך: די סיסטעם איז פרייער און דערפאַר איז מעגלעך צו מאַכן פאַרשיידנאַרטיקער דעם ריטם פון דער ליד.

די גרונט-פאָרמען פון ריטם שטאַמען פון די גריכן. בא די גריכן און בא די רוימער איז דער גאַנג פון פערז געבויט ניט אַף דער באַטאָנונג (אַף דער העכערונג פון קאָל) נאָר אַף דער לענג פון די טראַפן.

אָנשטאָט אונזערע באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע טראַפן פלעגן די אַנטיקע שפּראַכן אונטערשיידן לאַנגע און קורצע טראַפן.

מיר סקאַנדירן אַזעלכע לידער, דאָס הייסט, מיר שטעלן די באַטאָנונג אַף די לאַנגע טראַפן און באַטאָנען ניט, מיר לאָזן איבער אָן באַטאָנונג, די קורצע טראַפן.

דער וויכטיקסטער מעטער פון דער קלאַסישער (גריכישער און רוימישער) פּאָעזיע איז ד ע ר ה ע ק ז א מ ע ט ע ר — דער פערז פון האָמערס „איליאַדע" און „אָדיסייע" און ווירגיליוס „ענעאידע"∞.

דער העקזאַמעטער האָט זעקס פערז-טאַקטן. די ערשטע פינף טאַקטן זיינען דאַקטילישע און דער לעצטער אן אָפּגעהאַקטער. די פערז-שורע טיילט זיך אַף צוויי טיילן דורך א צעזורע, די צעזורע קאָן קומען אין פאַרשיידענע טיילן פון דער שורע, מייסטנס נאָך דעם ערשטן באַטאָנטן טראַף פון דעם דריטן פערז-טאַקט.

דער ר י י ן - ס י ל אַ ב י ש ע ר פ ע ר ז ן - ב ו י איז אָנגענומען און איז פּאַסיק פאַר די שפּראַכן, בא וועלכע די באַטאָנונג פאַלט שטענדיק אַף א באַשטימטן טראַף אין וואָרט (לעמאָשל, אין דער פראַנצויזישער — אַף דעם לעצטן טראַף, אין דער פּוילישער — אַף דעם פאַרלעצטן טראַף).

באַם ריין-סילאַבישן פערזן-בוי ווערט ניט גענומען אין אַכט די באַטאָנונג, נאָר די צאָל טראַפן אין דער פערז-שורע. (יעדער פערז-שורע האָט א באַשטימטע צאָל טראַפן).

## א ו י ס ג א ב ן

### א

### ש נ י י - ל י ד

דעם צאַרטן גלעט פון קאַלטן שניי
נעם איך היינט אויף מיט ברייטן שמייכל.
עס איז מיר גוט, — איך גיי און גיי,
און ס'קאָן דער ווינט מיך ניט דערגרייכן.

עס יאָגט און ס׳טרייבט מיך אין גאַלאָפּ.
מיין ברוסט ווערט פול מיט פרייד-געשרייען
און אָט אַזוי מיין הייסן קאָפּ
איך וויקל איין אין שפּיל פון שנייען.

איך טרעט דעם שניי מיט גיכן טראָט,
דער שניי דערגרייכט מיר ביז די קניען!
אוי, ווי גרינג איז איצט די שטאָט,
און איך בין גרייט צו פליען...

איזי כאַריק

1. לויט וואָס פאַר אַ מעטער איז אָנגעשריבן די ליד?
2. באַמערקט אין וואָסערע פערז-טאַקטן איז דורכגעלאָזט דער טראָפּ?
3. באַמערקט די ענדערונגען פון פערז-שורע אין אום- און גראַד-שורעס?
4. צי איז גלייך די צאָל פערז-טאַקטן אין אַלע פערז-שורעס?
5. וואָס פאַר אַ באַטייט פאַרן ריטם האָט די 11-טע און 12-טע שורע?

## ב

שטיינערנע הויפנס פון נעכט און פון טעג
הויערן שווערע אויף מיטן פון וועג! —
זייבען מיר העקער און ברעכן דעם פעלז,
רייסן מיר דורך צווישן אַ טונעל.

פליען אין קרוין פון צעבראָקלטער הויך
שטיינער צעגליטע און פונקען און רויך.
מיט אייזן און שטאָל צו דער ליכטיקער העל
רייסן מיר דורך צווישן בערג אַ טונעל.

דאָרטן פון יענער זייט שטיינערנע ווענט
הערן זיך קלאַפּן, הערן זיך הענט.
איז אונז דאָס קלאַפּן דאָס ווייטע באַקענט —
ווייסן מיר: ברידער, מיט שטיינער פאַרשטעלט,
רייסן צו אונז צווישן בערג אַ טונעל.

מ. כאַשטשעוואַצקי

1. לויט וואָס פאַר אַ מעטער איז אָנגעשריבן די ליד?
2. באַשטימט די ענדונג פון דער פערז-שורע.
3. באַמערקט די 7-טע און 10-טע שורעס. וואָס פאַר אַ באַדייט האָט עס פאַרן ריטם פון דער ליד?

אַגעוו. באַמערקט אויף וויפל טיילן איז צעטיילט די ליד און צי האָבן אַלע טיילן אַ גלייכע צאָל פערז-שורעס?

## ג

צו וואָס איז די שרעק פאַר די פרעסט,
פאַר די נעכט אויף פאַרשנייטע וואָקזאַלן, —
וועסטו שטעלן די פיס דיינע פעסט,
וועסטו קיינמאָל אויף שליאַכן ניט פאַלן.



אין יעדער געבוירענער וואַנט
דערפיל איך די פרייד פון אַ שלאַכט-טאָג.
דער שליאַך איז דאָ קלאָר און באַקאַנט —
אַ האַק! — און אַ פענסטער איז פאַרטיק!

נו, הייסער, נו גיכער דעם ברויז!
קען זיין וועסט אין וועג אים נאָך זעען.
נו איז וואָס, אַז די פרייד איז דאָ גרויס.
ווען מיר האָבן קיין צייט זיך ניט פרייען.

דערוועק זי, די פרישקייט, אין זיך,
פון דיינע פאַרלאָשענע קוואַלן.
וועסטו מוירעדיק שפּאַנען און גיך
וועסטו קיינמאָל אויף שליאַכן ניט פאַלן.

איציק פעפער

1. לויט וואָס פאַר אַ מעטער איז אָנגעשריבן די ליד?
2. צי איז אומעטום דער אָנגעמערקטער מעטער אויסגעהאַלטן?
3. אין וואָס באַשטייען די אָפּנויגן?

## ד

האָבן אין אַולן פאַרשפּרייט זיך קלאַנגען,
גרייטן זיך טאָטערן ווידער צו פּיין!
— אינגיכן וועט קומען ווראַנגעל,
פאַרנעמען שאָף און וויין.

רוישן כוואַליעס, הוידען זיך ברעגן,
יעדער טאָג אין גרויוואַסער און וויסט.
עלי-בען ווייסט אין קרים אַלע וועגן,
עלי-בען האָט געניטע פיס.

רופט צונויף עלי-בען אַ זיצונג
אין אַול לעם צאַרטן גורזוף —
קיינמאָל ניט געבן די פּריצים
די בערג און די שאָף.

קיינמאָל נים געבן, גוט געבן!
זאָל לעבן דער פעסטער עלי-בען!
אַזוי איז פאַרשריבן
און אַזוי איז געוועזן.

איציק פעפער

לויט וואָס פאַר אַ פערז-סיסטעם איז אָנגעשריבן אָט די ליד — לויט דער סילאַביש-טאָנישער צי לויט דער ריין-טאָנישער?

## ה

### עקראַן

הערט אויס!
דאָס רעדט מיט אייך, איך, עקראַן!
קאַשמעס פון סאַמעט און ראַמען געגילדעטע,

האָבן לאַנג מיך געהאַלטן געפאַנגען,
באַצירטע מעכיצעס, ווענט און צאַמען
האָבן אונז שטענדיק געזונדערט.
און רוף מיינעם העלן
האָט מען סאַרביטן מיט קרומע געשרייען פון שילדן...
היינט
האָב איך צו ווענט זיך געווענדעט:
צעגייט זיך!
אויס דעכער! אויס דילן!
באַפרייט מיר די רוימען...
אַהער
אַלע קעפּ, וואָס צוזאַמען דאָ שאַפן די יאָמען פון קעפּ!
פאַר אייך בין אַנטשטאַנען,
פאַר אייך בין געבוירן...
ברייטער די סטופּעס אַף מיט פון פּלעצער!
איבער שלונגען טון שליינגישע באַסן שטעלט אויף
מיין בעלעמער...
מיין זוים וועט זיין — הימל!..
מיין רוים —
דער פילטויזנטער בליק פון המון!..

א. קושניראָוו

1. צי האָט דאָס געדיכט אַן אויסגעהאַלטענעם מעטער?
2. צי קאָן מען צו דעם געדיכט צופּאַסן אַ מעלאָדיע?
3. צי אַנטשפּרעכט דער ריטם דעם אינהאַלט?

## 2. גראַם

דער גראַם איז אַ מיטקלאַנג פון ווערטער, מייסטנס אין סאָף שורע. (ס'טרעפט אינדערמיט און אין אָנהויב). מיר אונטערשיידן דעם גראַם:
א. לויטן אָרט אין דער פערז-שורע.
ב. לויט דער פאָרם פון דער ענדונג.
ג. לויטן קלאַנגען-באַשטאַנד.

### א. לויטן אָרט אין דער פערז-שורע

1. סאָף-גראַמען

מיר שטייען בײַ הויכער געמויערטער וואַנט
מיט האַמערס, און אייזנס, און לאַמען אין האַנט.

א. רייזען

2. אינעווייניקסטע גראַמען

כעוורע וואַלקן, קומט אין פאַלקן,
קומט צעשטערן, און ניט ווערן.

ל. קוויטקאָ



אַף דיין שוים פאַרוויג... זע, ווי שטיל איך ליג.
מיט דיין צאַרטן זיג מיך באַשיץ,
און צו מיר געלענט — אין די צאַרטע הענט
נעם מיין קאָפּ, וואָס ברענט
ווי אין היץ.

לייב ניידוס

3. אָנהויב-גראַמען

צונטער וועלקן בלעטער
אונטער אונזער ברייט
מונטער שמעקן בלעטער
טויטערהייט.

ד. האָפשטיין

### ב. לויט דער פאָרם פון דער ענדונג

1. מענלעכע גראַמען (איינטראַפּיקע). דער טראָפּ אַפן לעצטן טראַף.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען זאַטן און מע היט.

א. פעפער

2. ווייבלעכע גראַמען (צווייטראַפּיקע). דער טראָפּ אַפן פאָרלעצטן טראַף.

אין יעדן הייזעלע, אין יעדער קאַמער,
רעדט א ניי-מאַשין, אַ הובל, צי אַ האַמער.

א. כאַריק

3. דאַקטילישע גראַמען (דרייטראַפּיקע). דער טראָפּ אַפן דריטן טראַף פון סאָף.

איך וויג דיין וויגעלע
און זינג אין אויערל
ס'האָט דאָרט אַ רייגעלע
פאַרמאַכט א טויערל.

### ג. לויטן קלאַנגען-באַשטאַנד

פינקטלעכע און ניט-פינקטלעכע גראַמען

1. פינקטלעכער גראַם

דאָס איז אַ גראַם, אין וועלכן ס'פאַלן צונויף אַלע שלוס-קלאַנגען, וואָס געפינען זיך נאָכן באַטאָנטן וואָקאַל.

דורך דעם פענסטער קוקט אַרײַן צו מיר אַ טריבער מאָרגן.
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט ארום די פרוי,
די פאַנטאָפל קלאַפּן וואָכעדיק און גרוי,
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכעדיקע זאָרגן.

ר. אייזלאַנד

באַמערקונג. דער פינקטלעכער גראַם דערלאָזט גראַמען הילכיקע מיט דומפּע קאָנסאָנאַנטן (ב—פּ; ז—ס; ד—ט; ג—ק).

פאַראָסטעט ווערט די שאַרפע שווערד אין פאַלט פון האַנט.
עס גייט דער פערד דעם קאָפּ צו דר׳ערד אין פרעמדן לאַנד.

ע. שוואַרצמאַן

אַז מיר ריידן וועגן פינקטלעכן גראַם האָבן מיר אין זינען נאָר דעם קלאַנגען-באַשטאַנד פון וואָרט. אונז אינטערעסירט ניט צי באַשטייט דער גראַם פון איין וואָרט, צי איז ער צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי.

אין דעם פאַל הייסט דער גראַם צוזאַמענגעזעצטער.

ניטע, שוועסטער, דרימל איצטער,
ווייל דער ווינט אַט ברעכט ער, קריצט ער,
און דער וואַלד טוט אָן אַ קאַפּטער,
און דער הימל וואָלקנס קלייבט ער.

ל. קוויטקאָ

## 2. ניט-פינקטלעכער גראַם

דער פינקלעכער גראַם איז שוין געוואָרן אַזוי געוויינלעך, אַזוי וואָכעדיק, אייניקע גראַמען זיינען שוין אַזוי דערעסן, אַז זיי באַפרידיקן שוין מער ניט דעם מאָדערנעם דיכטער און ווירקן ניט אַף דעם לייענער. סאָפקאָל-סאָף איז אין יעדער שפּראַך פאַראַן אַ באַגרענעצטע צאָל פינקטלעכע גראַמען. אונזער לעבן בייט זיך, דער רעגלמעסיקער ריטם קאָן ניט איינגאַנצן באַפרידיקן דעם קאָמפּליצירט-געוואָרענעם אינהאַלט פון נייעם דיכטער. ס׳ווערן געזוכט נייע ריטם-פאָרמען, נייע אינסטרומענטירונג.

אַזאַ נייער מיטל פון אינסטרומענטירונג איז דער ניט-פינקטלעכער גראַם.

אין דער מאָדערנער דיכטונג זעט מען אָפּהיטן דעהיקער דעם באַטאָנטן וואָקאַל. וואָס איז שייך די איבעריקע שלוס-קלאַנגען, ווערן זיי אַזוי געקליבן, אַז עס זאָל בלייבן דער אַלגעמיינער איינדרוק פון ענלעכקייט. דער ניט-פינקטלעכער גראַם איז, אייגנטלעך, אַ מין רעמאַזעמדיקער איבערקלאַנג, אָפּט אַ מין ווייטער איבערהילך פון ווערטער. אַזאַ איז ער באַזונדערס אין זיין קאָמפּליצירטער פאָרם.



דאָרט, וואו טרעפּל פון הילצערנעם גאַנעק
האָט שוין לאַנג ניט באַזונגען מיין טראָט,
וועט באַגעגענען מיך מיין מאַמע
מיט אַ שטילן און בליענדן וואָרט.

א. קושניראָוו

דער ניט-פינקטלעכער גראַם (אָדער אַסאָנאַנס) האָט פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס.

אין אייניקע גראַמען איז די ניט-פינקטלעכקייט קוים צו באַמערקן. פאַראַן אָבער אַזוינע שלוס-קאָמבינאַציעס, וועלכע גיבן נאָר אַן אָנצוהערעניש אַף אַ גדאַם.

שוין אין דער פאָלקס-ליד טרעפן מיר זיך מיט אַ גאַנצער ריי פאַרשיידנאַרטיקע אַסאָנאַנסן.

ס׳איז אָבער געווען אַ צייט אין דער אידישער דיכטונג, ווען מע האָט זעלטן ווען גענוצט דעם אַרט גראַם (פרוג, רייזין, ראָזנפעלד).

אין דער מאָדערנער אידישער דיכטונג, באַזונדערס בא די אידיש-אַמעריקאַנישע דיכטער איז צו מערקן אַ טענדענץ, איינגאַנצן פריי לאָזן דעם אויסוואַל פון שלוס-קלאַנגען. ניט שטענדיק ווערן דערגרייכט די געוואונטשענע קלאַנג-עפעקטן, ווייל אָפט זיינען די נייע פּרואוון ניט אַרויסגעוואַקסן אָרגאַניש פון דער באַדערפעניש פון ליד. דער ריינער ווילן פונם עקספּערימענטאַטאָר קאָן זעלטן ווען שאַפן אין דיכטונג.

דאָך פאַרמאָגן מיר שוין אַ היפּשע צאָל פון עכטע קונסט-ווערק אין פערז, וואו עס הערשט דער אַסאָנאַנס.

ס׳מערקן זיך דערווייל אָן פאָלגנדיקע אַרטן פון ניט-פינקטלעכן גראַם.

א. ס׳ווערט אָפּגעהאַקט איינער אָדער אַ גרופּע שלוס-קאָנסאָנאַנטן אין איינעם פון די געגראַמטע ווערטער.

שאַלעם צו שליסן,
איז דאָך גאָר קיין זאַך
דושעניו, ליובעניו,
האָב אַ גוטע נאַכט.

פאָלקס-ליד

אָ, בלויע, אויפגעפלאַמטע געגנט
מיט שאַרף פון טרוים, אַף וועלט פאַרשטרעקט,
אַף גרויען קנויל פון דיינע וועגן
האָב איך געוויקלט מיינע טעג.

א. קושניראָוו—„ראַסייע"

ב. ס'פאלט ארויס איינער פון די שלוס-קלאַנגען אין איינעם פון די געגראַמטע ווערטער.

הערט ווי ס'קלינגען גלעקער
ווי דער האַרן שאַלט
דארט אף מיזרעך-שטרעקעס
ווערט א טאג געזאלבט.

ד. דאַמשטיין

ג. ס'פאלן ניט צונויף איינער אדער א גרופע שלוס-קלאַנגען.

דאס שטויביקע שטעטל איז שווער צו פאַרגעסן
סע שטייט פאר די אויגן מיט רויכן פאַרוויִיט,
איך ווייס, אז די שויבן אין אלטינקן געסל,
האָט פעלדישער שטורעם געיאָגט און געדרייט.

א. סעפער

און אין אַאול, בא שוועל פון זוניקע געזינדן
א נאַקעטע, אן אָנגעגליטע פיטערט זיך מיין קינדהייט.

ע. פינינבערג

בערל בעקער איז אַ פּראָסטער אינגל,
זיינע אויגן זיינען מעליק גרוי,
צו דרייצן יאָר, גאָר אַ קינד נאָך,
האָט ער געקנאַטן שוין קאָסטנס ברויט.

ש. ראסין

דער צוזאַמענפאַל פון פאַרשיידענע קלאַנגען אין סאָף אָדער אין מיטן וואָרט, מאַכט די ליד מוזיקאַלער, אָבער אַ צווייטע וויכטיקסטע ראָלע פונם גראַם באַשטייט אין זיין אָרגאַניזירנדיקער פונקציע. דער גראַם העלפט מיט צו דערפילן דעם סאָף פון די ריטמישע טיילן פון ליד, און אדאַנק זיין איבער-כאַזערונג פאַרשטאַרקט ער איר גאַנצן ריטמישן איינדרוק. בא דער אָרגאַניזאַ-ציע פון פאַרשיידנמעסיקן וואָרט-מאַטעריאַל שפּילט דער גראַם א וויכטיקע קאָמ-פּאָזיציאָנעלע ראָלע. אָט די ראָלע פון גראַם ווערט פאַר אונז קלאָרער, ווען מיר באַטראַכטן א פרייע ריטמישע קאָמפּאָזיציע פון דער מאָדערנער דיכטונג.

מיט שטייפער האַנט
דעם ערשטן אייז צעקלאַפּן,
ארויסרייסן א שטיקל טיף
און זען און הערן,
ווי טראָפּנס קלאגן זיך און וועהרן,
און יאָגן זיך, ווי שווארצער טריף,
אהין, צוריק —
אין דעם איז אויך פאראן א שטיקל גליק.

ד. האָפשטיין





דאָ איז בולעט, אַז דער גאַנצער ריטמישער און לאָגישער זין פון דעם אויסצוג שפּאַרט זיך אָן אַפן גראַם (צוריק, גליק), די אַלע איבעריקע גראַמען האָבן מער אַ מוזיקאַלע אויפגאַבע.

דער לעצטער גראַם אָרגאַניזירט די שטיק ליד אין אַ פריי-געבויטער סטראָפע.

## אויפגאַבן

באטראַכט דעם גראַם אין די לידער, וועלכע זיינען געבראַכט אלס אויפגאַבן צום פריִקן קאַפּיטל „מעטריק".

1. לויטן אָרט אין דער פערז-שורע.
2. לויט דער פאָרם פון דער ענדונג.
3. לויטן קלאַנגען-באַשטאַנד.

## 3. סטראָפיק

דער אויסערלעכער אויסזען פון דער ליד, די גראַפיק אירע, מערקט אָפּט אָן אירע טיילן. אַ פאַרייניקונג פון פערז-שורעס, וועלכע כאַזערט זיך איבער אינם גאַנצן גאַנג פון דער ליד — הייסט סטראָפע. די סטראָפע ווערט באַטראַכט אַלס די לעצטע שטופע פון ריטם.

די מינים סטראָפעס זיינען זייער פאַרשיידן. זיי אויסצושעפּן איז אומעגלעך. יעדער דיכטער איז פריי און, מע קאָן זאָגן, איז מעכויעוו צו זוכן נייע ריטמישע פאָרמען, קעדיי צו געפינען בעסערע מוזיקאַלישע קיילים פאַר זיין אינערלעכן ריטם.

### די פאַשעטסטע פאָרמען פון סטראָפע

א. צוויי-שורעדיקע

אַזוי צי אזוי, נאָר ס'שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן אידן געגריצט זיך, גערעדט און געוואַרט.

איז פון שטאָט אָנגעקומען א יונגער יעווסעק,
די ערדן צעטיילט זיי און ווידער אין וועג.

זיינען קינדער און דינדער און טאַטעס און פערד
געפאָרן, געקומען און אָט איז די ערד.

א. כאַריק

### ב. דריי-שורעדיקע

בראַנד און פייער, גלי דעם שווערד!
ס'הייליקט זיך אין קאַמף די ערד!
יונג דער מענטש — א נייער ווערט!

רייטער אפּן פערד, אין וועג!
ס'קומען אָן די נייע טעג!
אַלטע, גייט אַוועק!

מ. בראָדערזאָן

### ג. פיר-שורעדיקע

דער סיידער פון די גראַמען אין דער פיר-שורעדיקער סטראָפע איז אַ פאַרשיידענער. פאַראַן סטראָפן:

1. מיט פּאָר-גראַמען — aa/BB

נאָכן זומער קומט דער ווינטער.
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג און מארק און פלויט
אין אַ שנייאיק ווייסן קלייד.

מאני-לייב

2. מיט קרייץ-גראַמען — aB/aB

א געזינד זאלבע אכט
און בעטן נאר צוויי
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפן דאן זיי?

א. רייזין

3. מיט גאַרטל-גראַמען — aB/Ba

ס'איז האלבער טאָג, ס'איז מיר דאס אייג פון שיין.
דער מויעך אנגעזעט מיט פינקלען.
דורך הויכע זיילן כ'גיי אריין אין שטילע ווינקלען,
אַף שאָטן כ'לייג זיך צו, מיט שאָטן כ'דעק זיך איין.

ד. האפשטיין

4. מיט דורכגעלאָזטע גראַמען — aB/CB

עס וועלן אונז באנאכט
קיין פרעמדע טריט דערפרייען,
און אונזערע — דער ווינט
פארשיטן וועט, פארווייען.

ה. לייוויק



5. מיט אלציינע גראַמען

די אַלטע פישער זינגען מיד.
די יונגע עט, קיין אונטערשיד.
דער יאַם אין יאַם, די ליד איז ליד,
די אַלטע פישער שלאָפן מיד.

רויזנבלאַט

ס'זיינען מעגלעך סטראָפן צו 5—6—7—8—9—10—11—12—13—14—שורעס. פאַרשטייט זיך, אַז גאָר לאַנגע סטראָפן טרעפן זיך זעלטענער. דער סיידער פון גראַמען אין זיי איז פאַרשיידן. מיר ברענגען דאָ בלויז אייניקע ביישפילן.

### זעקס-שורעדיקע סטראָפע

דער יאַם דער גרויסער יאַם,
די זון דער הייסער פלאַם
דיין רייץ און מיין געפיל —
עס זינגט אין מיר די וועלט,
איך ווייס ניט וואס מיר פעלט,
איך ווייס ניט וואס איך וויל.

ז. סעגאַלאָוויטש

### אַכט-שורעדיקע סטראָפע

זינגט זיך עפּעס אַף די וועגן
אַ געזאַנג פון גראַניט וועלן,
גראַניט דאַרפן, גראַניט האבן,
נאָר דאס פורל זאָל זיך גיין;
ס'זאָל אַ פורל גיין אנטקעגן,
און עס זאל זיך גראַניט שטעלן,
און די ווערער זאלן גראָבן,
וואס זיי ווילן נאָר אליין...

פ. מאַרקיש

### ניין-שורעדיקע סטראָפע

אויספּאַרקויפּט דעם מארק מיט סכוירע,
און צעצאָלט זיך מיט די כויוועס,
העמד פון לייב און לייב פון לעבן,
פון יאַריד צוריק געקערט זיך;
פריילעך גרויס און פריש און גאַנץ,
לאַמטאַדאַריטאַם, הוירא, הוירא,
וויפל ס'איז ניט און געגעבן,
מעשוגאָיעם, מענטשן, הערצער,
פערדלעך, חיי מיט מיר אַ טאַנץ!

פ מאַרקיש

די מאדערנע דיכטער אינטערעסירן זיך אסאך ווייניקער מיטן סטראָפן-בוי, און גייען פריי אַריבער פון איין סטראָפישן בוי צום צווייטן, צו די שטרענגע „קאנאָנירטע" פאָרמען ווענדן זיי זיך גאָר זעלטן. דער פרייער פערז ווייסט גאָרניט פון קיין אָפּגעמאָסטענער סטראָפע. אזא באַציאונג צו דער סטראָפע איז פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער עוואָלוציע פון ריטמיק. עס זיינען צעשטערט געוואָרן אַלע שטרענגע ריטמישע „קאַנאָנען".

## קאנאניזירטע סטראָפן

כוץ פאָשטעטע פאָרמען פון סטראָפע ווייסט נאָך די פּאָעזיע פון קאָמפּליצירטע פאָרמען. פאַר זיי איז כאַראַקטעריסטיש א שטרענג-רעגלאַמענטירטער באַשטענדיקער בוי. די קאָמפּליצירטסטע פון זיי פאָדערן אָפט אן אַנטשפּרעכנדיקן אינהאַלט. אסאך פון זיי זיינען ענג פאַרבונדן מיט א געוויסן סטיל פון דער אַלטער ווערסיפיקאַציע. אסאך פון זיי זיינען אַלט יאָרהונדערטער. די מאָדערנע פּאָעזיע באַנוצט זיי זעלטן. מיר וועלן אָנווייזן אָף די וויכטיקסטע פאָרמען:

### אָקטאַווע

די סטראָפע באַשטייט פון 8 שורעס.

די ערשטע שורע גראַמט זיך מיט דער דריטער און פינפטער, די צווייטע שורע גראַמט זיך מיט דער פערטער און זעקסטער. די זיבעטע שורע גראַמט זיך מיט דער אַכטער.

דער מעטער — א פינף צי א זעקסטאַקטיקער יאַמב.

די אָקטאַווע שטאַמט פון איטאַליע.

און אָט ביסטו שוין אויך, מיין אַווגוסט ליבער,
געקומען צו דער וועלט מיט האָב און גוטס;
דערמאָנסט אונז, אז די גאָלד-היץ איז אַריבער,
און שפּרייטסט אָף אונז דיין קעניגלעכע שוץ;
און אומעטום אָף שטעגן און אָף גריבער
שטראַלט ערנסט העל דיין יאָנטעוודיקער פוץ;
אין נעכט אין קילע זע, איך דיך אליין
זיצן אָף א מאָכיק-אַלטן שטיין.

לייב ניידוס

### טערצינע

די סטראָפע האָט דריי שורעס. דער סיידער פון די גראַמען איז אזא. ס'גראַמען זיך שטענדיק די ערשטע שורע מיט דער דריטער. די צווייטע גראַמט זיך מיט דער ערשטער און מיט דער דריטער פון דער פאָלגנדיקער סטראָפע, אזוי שטענדיק. גייט איבער דער גראַם פון דער פאָריקער סטראָפע אין דער פאָלגנדיקער. אָף אזא אויפן ווערן אַלע סטראָפעס פון דער ליד פאַרבונדן צווישן זיך.

דער מעטער — א פינפטאַקטיקער יאַמב.

די טערצינע שטאַמט פון איטאַליע (XIII יאָרהונדערט).

איך ליב פ'ין לאַנג שוין די לעוואָנע-שטיינער,
די שטיינער, וועלכע לייכטן נאָר באַנאַכט;
א שייער א קריסטאָלענער און ריינער
אין זייער קאַלטער טיפעניש ערוואַכט
און ס'בייטן זיך פאַרשיידענע קאָלירן,
וואָס ברענגען גרוסן פון ווייטער פראַכט

ל. ניידוס



### טריאָלעט

די סטראָפע האָט 8 שורעס.

די ערשטע פערז-שורע כאַזערט זיך איבער 3 מאָל (שורעס 1—4—7).

די צווייטע—2 מאָל. (שורעס 2—8).

דער סיידער פון די גראַמען איז אזא: ס'גראַמען זיך די שורעס 1—4—5—7 און די שורעס 2—3—6—8.

דער מעטער—קימאַט שטענדיק א פירטאַקטיקער יאַמב.

דער טריאָלעט שטאַמט פון פראַנקרייך (XIII יאָרהונדערט).

ווער ביסטו, ווער בין איך, וואָס איז אָט די וועלט? —
א סוידעסריק שליסל צום שלאָס אָן א טיר,
האַרמאָנישע קלאַנגען — און ס'פעלט דער קלאַוויר.
ווער ביסטו, ווער בין איך, וואָס איז אָט די וועלט? —
א סיידער, וואָס קיינער האָט קיינמאָל געשטעלט,
א טרוים און מיין פיסרוין באַהאַלט זיך אין דיר.
ווער ביסטו, ווער בין איך, וואָס איז אָט די וועלט? —
ווילסטו, קינה, עפּעס וויסן, קום כאָלעם מיט מיר...

י. ראַברושין

### סאָנעט

דער סאָנעט באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל—פון צוויי פירשורעדיקע סטראָפעס. דער צווייטער טייל—פון צוויי דריישורעדיקע סטראָפעס (ארום און ארום 14 שורעס). אין דעם ערשטן טייל האָט יעדער סטראָפע גאַרטל-גראַמען. אין דעם צווייטן טייל טרעפן זיך פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס. אָפט טרעפט זיך אזאַ קאָמבינאַציע:

די ערשטע שורע גראַמט מיט דער צווייטער,
די דריטע — מיט דער פינפטער,
און די פערטע — מיט דער זעקסטער.

דער מעטער — א פינפטאַקטיקער יאַמב.

דער סאָנעט פאָדערט פּינקטלעכע גראַמען און רייכע מוזיקאַלישקייט.

מיר ברענגען דאָ א סאָנעט פון דער דיכטערין פראַדל שטאָק, וועלכע האָט די ערשטע אום אַריינגעבראַכט אין אידיש.

* * *

צי זאָל איך מיך פאַרבאָרגן ערגעץ-וואו,
און ווייַנען שטיל דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
און אויסווישן צוריק די מידע אויגן,
וואָס האָבן קיינמאָל, קיינמאָל ניט קיין רו.

און לאָזן וואַנדערן אַוועק מיין בליק,
ווי ביז אהער אין גרויע, גרויע ווייטן,
און וואַרפן אים דערנאָך אָף אַלע זייטן,
אין קראַנקער אומרו לאָזן זיך נאָך גליק. —

צי זאָל איך מיך א וואַרף טאָן ווילד אַרײַן
אינמיטן גאַס מיט אָנגעבונדענע אויגן
און ברומען ווי א טיגערן פון פײַן.

די זוכנדיקע נאָזלעכער צעפלויגן. —
צי זאָל איך ערגעץ-וואו פאַרבאָרגן זײַן,
און ווײַנען שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן...

פּרארל שטאָק

אין דעם סאָנעט גראַמט זיך דער צווייטער טייל אַזוי: 1—3—5 און 2—4—6.

## א קראַנץ פון סאָנעטן

אַזאַ נאָמען טראָגן 15 סאָנעטן, וואָס זײַנען פאַרבונדן צווישן זיך אויף פאָלגנדיקן אופן:
די ערשטע שורע פון צווייטן סאָנעט כאַזערט איבער די לעצטע שורע פון ערשטן, די ערשטע שורע פון דריטן סאָנעט כאַזערט איבער די לעצטע שורע פון צווייטן. א. א. וו. ביזן 15-טן סאָנעט. דער 15-טער הייסט מ אַ ג י ס ט ר אַ ל און ווערט צונויפגעשטעלט פון די ערשטע שורעס פון אַלע פריערן סאָנעטן. דער מאַגיסטראַל מוז אויסדריקן א סינטעטישן געדאַנק.
די פאָרם איז אויף אַזויפיל קאָמפּליצירט, אַז זי טרעפט זיך זייער זעלטן.

# 4. אײַפאַניע

דאָס קינסטלערישע ווערק פאַרשאַפט אונז אָפט א גרויסן עסטעטישן פאַרגעניגן דאַנקע מיט די טיילן זײַנע, וועלכע ס'איז שווערער פון אַלץ צו באַנעמען מיטן סייכל. דער אײַנדרוק פון ווערק הענגט אָמאָל אָפּ פון די טיילן זײַנע, וועלכע ס'איז שווערער פאַר אַלץ צו אַנאַליזירן. קעדיי צו שאַפן שיינע לידער איז ווייניק נאָך זײַן טריי די געזעצן פון ריטמיק. דער ריטם איז אָפט דער אינערלעכער פירער, וועלכער צעמענטירט און אָרדנט אײַן דעם שטאָף פון ליד — דאָס וואָרט. ס'איז וויכטיק, אַז דער שטאָף אַליין, דאָס וואָרט, אַלע זײַנע טיילן, זאָלן אויספּילן אן עסטעטישע שעליכעס.

דער גאַנצער כילעק צווישן דער טאָגטעגלעכער שפּראַך און דער שפּראַך פון פּאָעזיע באַשטייט אייגנטלעך אין דעם, וואָס אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך שפּילט דער קלאַנג ניט קיין זעלבשטענדיקע ראָליע, ער פאַרהאַלט אויף זיך ניט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. דאַן ווען אין דער ליד רופט דער קלאַנג אַרויס א באַזונדערע עמאָציאָנעלע באַציאונג צו זיך.

דער קלאַנגען-באַשטאַנד פון יעדן קינסטלערישן ווערק איז פונקט אַזוי ניט צופעליק, ווי ניט צופעליק עס זײַנען די פאַרבן בא מאָלערײַ און די מוזיק-קלאַנגען אין א מוזיקאַלן ווערק.

ס'איז לייכט צו באַמערקן, אַז פונקט, ווי בא יעדער מאָלער איז פאַראַן זײַן פאַרבן-פּאַליטרע, פון וועלכער ער נעמט די נויטיקע קאָלירן, פונקט ווי יעדער מוזיקער האָט זײַנע באַליבטע אינסטרומענטן, אַזוי אויך האָט זיך דער



וואָרט-קינסטלער זײַנע באַליבטע קונסט-מיטלען, זײַן קלאַנגען-אינסטרומענטירונג. וועגן דעם איז פאַראַן פיל איידעס-זאָגן פון דיכטער-אַליין.

איך בין אָן זינען פון דרימאָליקע געקלאַנגען
און פון די פייכטע ריימען, ווי אויף „יו״ (10)

לערמאָנטאָוו

ס'זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו כאַראַקטעריזירן די עמאָציאָנעלע ווירקונג פון יעדער קלאַנג באַזונדער. אין דעם זינען איז זייער וויכטיק די זעלבסטבאַאָבאַכטונג פון דיכטער אַליין. דער דיכטער לעבט באַוואוסטזיניק איבער דעם קלאַנג בא זײַן דיכטערישער אַרבעט.

פּושקין דערציילט וועגן מאָמענט פון שאַפן:

באַרינגלט ווערט די זעל מיט לירישן גערודער —
זי ציטערט און זי קלינגט, און זוכט, ווי דורכן שלאָף,
זיך אויסגיסן לעסאָף אין פרײַדפולער אַנטפּלעקונג.

פּושקין

די ערשטע קלאַנגען זײַנען אומבאַשטימט, „כאַאָטיש״. ביסלעכווײַז ווערן זיי קריסטאַליזירט — „קאָסמיש״ — זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין בילדער-קלאַנגען און באַקומען א קלאָרן זין. דער מאָמענט פון קריסטאַליזירונג איז אַזוי גע-שילדערט אין דער אידישער דיכטונג:

...און ס'טריפן די ליפּן
מיט גאָלדענע זילבן,
מיט זילבערנע ווערטער,
מיט זאַצן פון שטאָל,
און ס'ווערן פון ליכטיקייט
ווידער געשליפן
לידער פון לויטער קרישטאָל.

## קלאַנגען

מיר אונטערשיידן צוויי גרופּעס קלאַנגען:

1. ו ו אָ ק א ל ן — זיי ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אן אָפן מויל (מויל-עפנער) און
2. ק אָ נ ס אָ נ א נ ט ן — באַם אַרויסברענגען זיי, ווערן די רייד-אָרגאַנען מער אָדער ווייניקער צווישן זיך דערנענטערט אדער אינגאַנצן געשלאָסן (מויל-שליסער).

די ו ו אָ ק א ל ן באַשטייען קימאַט פון ריינעם טאָן. דער צומיש פון רויש איז אומבאַדייטנד. די וואָקאַלן האָבן א פאַרשיידענעם טעמבר. דער העכסטער וואָקאַל איז „י״ דער נידעריקסטער — „ו״.
די ק א נ ס א נ א נ ט ן קאָן מען קלאַסיפיצירן

א, פון איין זייט אויף:

1. ס אָ נ אָ ר ע (מער טאָן, ווי גערויש) — ל. מ. נ.
2. ה י ל כ י ק ע (מער גערויש, ווי טאָן) — ב. ד. ז. זש.
3. ד ו מ פּ ע (בלויז גערויש) — פּ. ט. ס. ש.

ב. פון דער צווייטער זייט אף:

1. אויפרייס-קלאנגען (מאָמענטאלע) — ב. פּ. ט. ק.
2. רייב-קלאנגען (דויערנדיקע) — פ. ס. וו. ז. זש.

## וואוילקלאנג

דער ערשטער טנאי פון וואוילקלאנג איז דער ריכטיקער סיידער פון וואָקאלן, אויך פון קאָנסאָנאנטן, וועלכן עס פאָדערט ניט נאָר די פּאָעטישע, נאָר אויך די טאָגטעגלעכע שפּראך.

דעם וואוילקלאנג שטערן:

א. דער צוזאמענלויף פון די וואָקאלן.

די אידישע שפּראך דערלויבט דאָס ניט, ווי עס דערווייזט די פאָרם פון אומבאשטימטן ארטיקל „אן". ניט א עפּל, נאָר אן עפּל.

ב. דער צוזאמענלויף פון קאָנסאָנאנטן.

לויפט א פוקס פון בריסק קיין טריסק,
טראָגט אין פּיסק א ביקס.

דער זאץ ווייזט, ווי דער צונויפלויף און די איבערגעלאָדנקייט מיט אלציינע קאָנסאָנאנטן פארשווערט דאָס לייענען. ווערטער זיינען וואוילקלינגענדיק, ווען די וואָקאלן זיינען ניט צופיל באלאסטיקט מיט קאנסאנאטן.

די פּראָפּאָרציע פון רויש און טאָן אין דעם קלאנגען-באשטאנד ווירקט אף דער מוזיקאלישער זייט פון ליד. ס'איז קלאָר, אז אויב אין א ליד איז דא מער דומפּע קאָנסאנאטן, ווי וואָקאלן און סאָנאָרע און הילכיקע קלאנגען — מער גערויש ווי טאָן — דעמאָלט איז דער וואוילקלאנג פון דער ליד א קלענערער, און פארקערט.

אין דער שורע „איז געווען אמאָל א צוואנג" האָבן מיר אזא פּראָפּאָרץ:

אף 17 קלאנגען האָבן מיר זיבן וואָקאלן, פיר סאָנאָרע קאָנסאנאנטן, פינף הילכיקע און בלויז איינעם א דומפן. דער וואוילקלאנג פון דער שורע איז פארשטענדלעך א באדייטנדיקער.

דאָס הייסט ניט, אז מע מוז באנוצן נאָר וואוילקלינגענדיקע גרופּירונגען. צוליב איינציקע צילן קומט אויס דעם קינסטלער אָפּט אויסנוצן דאפקע די ווייניק קלינגענדיקע קאָמבינאציעס. אלץ ווענדט זיך אין די אויסדריק-צילן, וועלכע ווערן געשטעלט.

פאר דער מוזיק פון ליד איז אויך וויכטיק דער צוקלייב פון אויפרייס-קלאנגען (מאָמענטאלע) און רייב-קלאנגען (דויערנדיקע).

פויק איך, אז די פויק זאָל פּלאצן,
און איך דזשומזשע אין די טאצן,



און איך דריי זיך רונד ארום:
דזשין, דזשין, דזשין, בום, בום, בום.
דזשין, דזשין, בום.

ס. ל. האלפערן

די געגעבענע ליד דערגרייכט איר ציל דורך דער איבערכאזערונג פון א גאנצער ריי אויפרייס-קלאנגען (פּ. ק. ד. ט. ב.).

און שוואלבן אלץ שרייבן אין שווינדיקן פלי.

ד. האָפּשטיין

אין דער שורע אנטשפּרעכט די איבערכאזערונג פון דויערנדיקע קלאנגען דער דערשיינונג, וועלכע ווערט געשילדערט. די מאָמענטאלע קלאנגען, וועלכע געפינען זיך דאָ אין א קליינער צאָל, טיילן זיך אויס אפן דויער-פאָן פונקט ווי די קער-פונקטן אינם פליען.

## אליטעראציע און אסאָנאנס

א געראָטענער קינסטלערישער מיטקלאנג באשיינט די שפּראך. אונזער אויער, פאָדערט אָפּט, מע זאָל איבערכאזערן דאָס, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן. דורך דער איבערכאזערונג ווייל דער אויער פארהאלטן דעם שיינעם איינדרוק. איינציקע מיטלען פון פערז-שפּראך האָבן זייער גרונט אין אָט די אייגנשאפטן פון אונזער געהער. דער קינסטלער כאזערט איבער אין ליד:

א. איינע און דיזעלבע קאָנסאָנאנטן.

ב. איינע און דיזעלבע וואָקאלן.

ג. איינע און דיזעלבע גרופּירונגען פון קאָנסאָנאנטן מיט וואָקאלן.

אזוי ווי די קלאנגען ווערן אויסערלעך באצייכנט מיט אויסיעס, און אף לאטיין הייסט דער אָס „ליטערא", רופט מען די איבערכאזערונג פון קלאנגען אליטעראציע, ד. ה. איבערכאזערונג פון קלאנגען.

ס'איז פאראנען אליטעראציע פון קאָנסאָנאנטן אין אָנהויב פון עטלעכע ווערטער.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן,
מאָלן מילן, מאָלן שנעל.

מאני-לייב

זי שטייט דאָרט א שפּיל פאָרן שטורעם.

א. ליעסין

פון דער הויך האָבן אָנגעהויבן שטערן זיך שיילן און פאַלן
מיט שטילן, מיט שטענדיקן שטערנישן ציקער.

א. קאהאן

מע טופּעט, מע טופּעט און דאַכט זיך,
אַז טונקעלע שטייען אַף ראָגן.

ל. רעזניק

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים.

מ. ראזנפעלד

פאַראַן אַן אליטעראַציע, ווען שורעס פון ליד הייבן זיך אָן מיט איינעם און דעם זעלבן קאָנסאָנאַנט.

לייב נײַדוס, דער פעאיקסטער ווערסיפיקאטאר אין אידיש, האָט געגעבן א ליד, וואָס אַלע ווערטער אין איר הויבן זיך אָן מיט איין קלאַנג „ש". אט דאס איז די ליד.

א לעגענדארע נאכט

שלעסער שלאָפן, שאָטנס שפּאנען,
שווערע שאָטנס שפּרייזן שטום,
ס'שווימען שורעס, שווארצע שוואנען,
שווארצע שוואנען שווימען אום.

ס'שוויינקען שטיינער שטיקער שוימען,
שלוכצן, שטייגן אין דער שטיל;
שכינע-שאָען שטרוימען, שטרוימען,
ס'שימערט שוואכער שטראַלן-שפּיל.

שיינען שפּינט ער, שטערן שפּרייט ער,
שיינע שלייערס שוועבן שמאָל,
שטראָמען-שפּיגל שיקער שטייט ער,
שוואנען שניידן שטיל זיין שטאָל.

ס'שוויגן שטימען, שלאנקע שוואנען
שלייכן, שלייכן שרעקלעך שטום,
שלעסער שלאָפן, שאָטנס שפּאנען,
שווערע שאָטנס שפּרייזן אום.

מיר האָבן אומיסטן געבראַכט די גאנצע ליד, קעדיי צו באַווייזן, יאַז מיט ריין אויסערלעכע געשיקטקייט, מיט ריין קונציקער בעריעשאפט אליין ווערט נאָך גאָרניט דערגרייכט. אין דער געבראַכטער ליד איז דער פערז-מוסטער פאַראַנען, אָבער קיין אָרגאַנישע ליד, קיין עכטע ליד איז ניטאָ.

מיינסטנס קומט דער וואונדערלעכער צוזאמענטרעף פון אלציינע קלאַנגען אליין, און ווען ער ווערט אמאָל באַוואוסטזיניק פאַרבדרייטערט, דאַרף דאָס אויך געטאָן ווערן מיט דער גאנצער אינערלעכער אָנגעשטרענגטקייט, אונטער שאַרפן קריטישן אויפזיכט, וועלכער ליידט ניט קיין פאַלשן קלאַנג און קיין פאַלשן מוזיקאַלן גלאַנץ.



פאַראַן אַן אליטעראַציע, ווען עס קומט פאָר אַן איבערכאַזערונג פון קאָנסאָנאַנטן אין פאַרשיידענע ערטער פון פערז-שורע.

די זון האָט היינט צום נייעם פאַנצער מיינעם
די לעצטע גאָלדענע ליסקע צוגעלייגט.

ד. האפשטיין

ש

פאַרראָסטעטע ווערט
די שאַרפע שווערד

א. שווארצמאן

< די אליטעראַציע פון וואָקאַלן רופט מען אַסאָנאַנס.

פאַר דער מוזיקאַלער זייט פון פערז איז אויך וויכטיק די איבערכאַזערונג פון באַטאָנטן וואָקאַל.

אין לאַנד אָן דאַך אַף האַלב
מיין האַרץ — אַ צאַרטע שוואַלב
{ אַ }

ד. האפשטיין

איז נאָך ניט פארלאָשן מיין וואַרטן,
ציכטיקן ציטער צו צינדן
{ י }

א. קאהאן

נעם מיך ערד
אַף די הענט פון וועגן
{ ע }

א. קושניראָוו

וואָלט איך זי האָבן, דאַן וואָלט
איך אייך זאָגן
{ אָ }

אָ. שווארצמאַן

דא זיינען געבראַכט געוואָרן בּוילעטע מוסטערן פון אליטעראַציעס און אסאנאנסן.

אין מוזיקאלע לידער איז אפט דער וואוילקלאַנג געבויט מיט קוים מערקבאַרע מיטלען. די אָנווענדונג פון אליטעראַציע, פאַרשטייט זיך, מוז אויך זיין א צוועקמעסיקע, ד. ה., זי דאַרף זיין אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן מיטן אינהאַלט.

# א ו י פ ג אָ ב ן

## א

### פ ר אָ צ ע ס י ע

מיר גייען אין דיינע פאָרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט,
מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —
טראָט נאָך טראָט!
אף שאנדן-שטאַנגען וואקלט זיך און וואָקלט
דער אלטער גאָט.
מיט לופט געלאטעט פלאָטערט אלץ און פלאטערט
די אלטע רויטע פאָן,—
צוריק קיין טראָט!
און שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט אף שטייסן פייקל,
און טאָצן דזשימזשען—שלייפן שאָרפס אין שוועבנדיקער לופט.
און הויך פארוואָרפס זיין רוף
דער שיינענדער טרומייט...
היינט בין איך אויך א שטיקל קלינגענדיקער קופּער —
איך היפּער
שטילע סאמעטענע ערטער,
איך וועק די מידע,
כ'באַדעק דעם זיפץ פון אפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער—צוריק קיין טראָט!

ד. האָפשטיין

סאָרלייענען אויסדריקלעך און אונטערשטרייכן פארשיידענע אייסאָנישע עלעמענטן (אליטע־ראַציע, אסאנאנסן);

דורך וואָסערע קלאַנגען ווערט איבערגעגעבן דער פּלאָטער פון פאָן, דאס קלאַפּן פון פייקל, דאָס דזשימזשען פון טאָצן, דער רוף פון טרומייט ?

## ב

עס האָבן די גלעקער געקלונגען!
און בראָנזענע יונגען
באַפאלן איז דעמאָלט א ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זיינען פארלאָרן...

העי! לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!

די טירן פון ווייט זיינען ברייט, זיינען פריי,
אונטער וועג איז באַהויכט מיט א טוי און איז ניי,
לאָמיר צייכנען די טריט — יעדן טראָט מיט א שטיין.
לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!



לאָמיר עפענען די טרוימען, און שמידן די וואָר,
לאָמיר זוכן דאָס ליכטיקע ליד פארן דאָר.
עפּשער הויבן זיך האָמערס סאַי דא און סאַי דאָרט,
און עס גליט, און עס שמידט דאָס באַפליגלטע וואָרט.
לאָמיר, קינדער, פון שטראָם
און פון נאָכט, און פון טהאָם...
לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דא איבערלאָזן די שוואכע...

מ. קולבאַק

סאָרלייענען אויסדריקלעך און אונטערשטרייכן אליטעראַציע, אסאָנאַנסן.
געפינט און דער ליד אינערלעכע גראַמען.
וואס פאר א באריט פאר דער מוזיק האָבן די מענלעכע גראמען ?

# II. עלעמענטן פון סטיל

אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך ווערט דאָס וואָרט אויסגענוצט אַ־ן זאַכלעכסטן אופן. די זאַכלעכע שפּראַך וויל פריער פאַר אַלץ זיין פאַרשטענדלעך. פון אַלע מעגלעכע באַדייטן פון וואָרט קומט זי הויפּטזאַכלעך אָן צו די „געוויינלעכסטע", צו די אויסגעטראָטענע.

די שאַבלאָן־פּראָזע דאָס איז די טיפּישע פאָרם פון דער טאָגטעגלעכער שפּראַך. באַם ריידן איז דער אויסוואַל פון ווערטער און דער בוי פון פּראַזע אָפט אַ נאַכלעסיקער. אין יעדער רעגע קאָנען מיר זעען צי מע פאַרשטייט אונז, און אַז מע זאָל אונז פאַרשטיין דאָס איז אונזער וויכטיקסטער ציל. אונז איז אַ קליינע נאַפקעמינע מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מיר דערגרייכן דעם ציל, אויב ניט מיטן וואָרט, איז מיטן וואונק.

גאַנץ אַנדערש איז די זאַך אין ליטעראַטור. אַלץ איז פיקסירט. אַלץ מוז זיין צוגעקליבן און ריכטיק פאַנאַנדערגעשטעלט. דאָ ווערט דאָס וואָרט און דער בוי פון זאַץ אַ זאַך אַן און פאַר זיך.

אין דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך איז די אויפמערקזאַמקייט פון שרייבער פריער פאַר אַלץ געווענדעט אַף קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט. די וויסנשאַפטלעכע שפּראַך באַנוצט זיך ברייט מיט טערמינען, מיט ווערטער, וואָס האָבן מייסטנס אַ פּינקטלעכע, אָפּגעצוימטע באַדייטונג.

די קינסטלערישע שפּראַך באַזירט זיך מייסטנס דערויף, וואָס זי באַנוצט די ווערטער אין זייערע אומגעוויינלעכע אַסאָציאַציעס. זי שטרעבט פאַרהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט פונם לייענער אַף די באַזונדערקייטן פון דעם איינצלנעם וואָרט און פונם גאַנצן וואָרט־באַהעפט. געוויינלעכע ווערטער ווערן באַנוצט אין אַן אומדערוואַרט־נייער באַדייטונג, וועלכע רעגט דעם געדאַנק און דעם געפיל, און דערפאַר מאַכט די עמעס קינסטלערישע שפּראַך שטענדיק אַן איינדרוק פון עפּעס נייס.

די צילן, וועלכע עס שטעלן זיך די טאָגטעגלעכע און די וויסנשאַפטלעכע שפּראַך, פון איין זייט, און די קינסטלערישע, פון דער צווייטער — זיינען אויך פאַרשיידן.



דער שמועסער, דער רעדנער, דער געלערנטער, יעדער איינער פון זיי שטרעבט שטענדיק דערווייזן די ריכטיקייט פון זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען; פאַר אים איז וויכטיקער פון אַלץ זיך דערשלאָגן צו אַ באַשטימטן רעזולטאַט: איבערגעבן אַ נוצלעכן געדאַנק, צואוויסנגעבן וועגן זיינער אַ באַאָבאַכטונג.

פאַרן קינסטלער אָבער איז אָפט דאָס וויכטיקסטע אַרויסטראָגן אַף אַ באַזונדערן אופן זיין געדאַנק, באַווייזן אים אין דער אייגנאַרטיקייט פון זיין וואָרט־אויסדריק.

ער טראַכט ווייניק וועגן דער נוצלעכקייט פון זיין מי, זיין אויפמערקזאַמקייט איז מער פון אַלץ געווענדעט אַפן ווערק אַליין, אַפן סטיל. שאַפן דעם נויטיקן סטיל הייסט דערפילן דאָס וואָרט, אויפכאַפן זיין באַזונדערן ווערט אין דער געגעבענער רעגע, אין דער געגעבענער פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער. די קינסטלערישע שפּראַך שטרעבט ניט נאָר צואוויסנגעבן וועגן עפּעס — זי וויל דעם „עפּעס" פאַרשטעלן.

די קינסטלערישע שפּראַך איז אויך די בילדערישע שפּראַך.

## 1. בילדער

די בילדערישע שפּראַך איז קוידעמקאָל די אַנשוילעכע שפּראַך, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע ווערט אויפגענומען ניט בלויז דורכן געדאַנק, נאָר זי ווירקט אַף אונזער פאַרשטעלונג. די פאַרשטעלונג פון מענטשן נעמט גרינגער אַרויף איידער דער געדאַנק, זי קומט די ערשטע אין באַוועגונג באַ יעדער איבערלעבונג. דורך בילדער גיט דער קינסטלער איבער זיינע איינדרוקן, געדאַנקען און געפילן. אַ שטאַרק בילד פאַרקאַרבט זיך און בלייבט לאַנג אין אונזער זיקאָרן.

ס'זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים בילדער, אָפּהענגיק דערפון, אַף וואָס פאַר אַ צענטער פון אונזער מויעך זיי זיינען אָנגעווענדעט.

### א. זע־בילדער

דאָס זיינען די געוויינלעכסטע און דאַנקבאַרסטע מיטלען פון בילדערישער שילדערונג. דורך זיי ווערן געמאָלט אויסערלעכע פאָרמען, קאָנטורן, פאַרבן און באַלייכטונג פון זאַכן, די לאַגע פון די זאַכן אין רוים, דער איבערגאַנג פון איין אויסערלעכן צושטאַנד אין צווייטן א. א. וו.

„האָבן אויפגעהערט צו רעגענען די נעכטיקע ברודיקע וואָלקנס, אַ ברויִנע ביינ־האַשמאָשעסדיקע שיין איז הענגען געבליבן אין דער לופט, און געשפּרייט שטילקייט אַרום די נאַסע פריילעכע אָפּגעשווענקטע הייזער און אַרום די שטייענדיקע קאַלוזשעס, וואָס אין זאַמדיקן עק פאַרשטאָט, באַרוועסע שקאַצעמלעך האָבן פון ערגעץ זייערע ווייסע גענז געטריבן".

ד. בערגעלסאָן

איז דורך א שפּאַלט אַריין דער דרויסן,
האָט אַף אַ בלעכל זיך באַזעצט,
ער שפּילט בלוי-זילבערדיק אין טונקלען צימער.

ל. קוויטקאָ

די זון איניינעם מיט די שטייפע דראָטן
אַ וועג באַווייזט מיר אַף אספאלט מיט פעסטע שאָטנס.

ד. האָפשטיין

עך, עך, ס'איז גוט אַזוי באַם פענסטער זיצן אָן אַ ליכט,
באַם ווייכן בלויען שיין פון שניי ווערט שאַרפער דיין געזיכט
און דיינע הענט זיי ווערן לאַנג און בלייך און דאַר.

מאני-לייב

„דעם קאָליר פון דער פּאַטשיילע איז שווער צו באַשרייבן. מע קאָן זאָגן ווייס, מע קאָן זאָגן געל, מע קאָן זאָגן ראָז: ס'ווענדט זיך אין דער צייט. באַטאָג איז דאָס העל-ראָז, פאַרנאַכט קומט דאָס אויס געלבלעך און באַנאַכט ווייס, גאנצפרי מאָלט זיך עס אויס גרינבלעך, און אַמאָל, אַז מע קוקט זיך שטאַרק איין, פאַלט עס גאָר איין אין „אַנטיק-מאַרע" ד. ה. העל-רויטלעך-בלוי-טונקל-גרין-פאפּעליאַטע".

שאָלעם אליי<br>כעם

## ב. הער-בילדער

אַף איבערצוגעבן הער-איינדרוקן איז די מענטשלעכע שפּראַך אַסאַך באַ-גרענעצטער. קעדיי איבערצוגעבן רוישן, קומט די שפּראַך אָן צו נאָכמאַכנדי-קע ווערטער (ס'איז גענוג אָנווייזן אַף די ווערטער: שאָרכען, שעפּטשען, מורמלען). דערמיט דערקלערט זיך אויך דאָס, וואָס דער קינסטלער קומט אָן צו אליטעראַציעס און יאָגט זיך ביכלאַל נאָך קלינגעוודיקייט. אָפטער אָבער מאָלט נאָר דער קינסטלער דעם איינדרוק זיינעם און דורך דעם באַקומען מיר אַ פאַרשטעלונג וועגן געהערטן.

„ליגנדיק פארטראָגן אזוי א היפּשע צייט, הערט ביניאָמין א קאָל פון גלעקלעך קלינגען אינ-דרויסן פונדערוווייטן. מיט איטלעכער מינוט קומט דער קאָל צו אלץ נעענטער און נעענטער, ווערט אלץ העלער און שטארקער, און פלוצים גיט א סקריפּ, ווי א וואָגן, אָפּשטעלנדיק זיך נעבן טויער; ס'לאָזן זיך הערן ביזן הימל אריין מינע קוילעס, גלייך ווי א גאנץ שטעטל האט זיך דאָרטן פאר-קליבן אף אן אסיפע, ביי-קעלכעלעך, פּיסטלעך, געמבעס, הייזעריק כאָרכלענדיקע אי צוגעלייגטע שטימען, ניט צו וויסן וואָס און צו וואס, שווער צו זאָגן, וואס שרייט מען און וואָס וויל מען, ווייל דרינען איז אויסגעמישט א געלעכטער, אי א געקרעכצעריי, געזיפצעריי, אי א שושקעריי, אי א געקוויטשעריי, אי א טאָן פון א שייגעץ, אי דאָס זיסע כניפּע-קעלעכל, אי א הוסטעריי, אי א באָז-שנייצעריי, א געקלאפּעריי, און א געפּאטשעריי, היינט גיי פארשטיי, וואס איז דאס אלצדינג איניינעם און וואס דאס באטייט?

מענדעלע



ס'ציט אָן פון פעלד אַ וואוקס-גערויש
פון קנאָספּע שיילט אַ בלאָט זיך אויס.

אָ. שוואַרצמאַן

אַף פעלדער-שטעגן כ'בלאָנדזשע בלינד,
נאָר אונטער פעלדער הער איך רינט
און ריזלט פריש א שטראָם.

אָ. שוואַרצמאַן

## ג. דינאַמישע בילדער

די דינאַמישע בילדער ציען אונז אַריין אינם געשילדערטן פּראָצעס. זיי גיבן איבער דעם איינדרוק פון באַוועגונג. זיי פאַרשטאַרקן אונזער איינדרוק דורך דעם, וואָס מיר דערפילן די אינערלעכע קראַפט פונם געשילדערטן בילד.

ס'שפּילט די זון און קלינגט מיט שטראַלן,
ס'גייען ווינטן קאַראַהאָדן;
ס'טאַנצט די ערד, די הימלען שאַלן,
און איך לויף און וויל דעריאָגן;
כ'לויף און פאַל און הויב זיך ווייטער
און די גרויסע ליד פאַרסאַמט מיך
מיט א פרייהייט אַ פאַרשייטער;
ברייטער, זיסע פידלען-סטרונעס!
שטאַרקער, דינסטע גילדן-טאַצן!
איך פאַרפלאָנטע זיך אין קווייטן,
און דאָס האַרץ פאַר גליק וויל פּלאַצן.

אָ. שוואַרצמאַן

עפּטער עפּנען זיך פון בליצן
אָנגעהויבן האָט דער הימל,
ס'האָבן וועלטן זיך געוויזן
און אין ווייטקייט באַלד פאַרשוואונדן
און אָט, אָט, האָט זיך געפּילט שוין,
טוט אַ דונער . . . . . . . . . .

אָ. שוואַרצמאַן

...אין לופטן שניידן דורך שוין בליצן
פון רופן פלאַמיקע, וואָס מונטערן און מאָנען.

א. קושניראָוו

## ד. טאַפּ-, שמעק- און טאַם-בילדער

דידאָזיקע בילדער טרעפן זיך זעלטענער.

„כ'האָב מיין דאַרע, ווייסע האַנט אַראָפּגעלאָזט. געפּירט מיט וואַרעמע פינגער-שפּיצן אַף קנעפּלע פון קינד. ס'האָט צו מיינע דאַרע קני זיך צוגע-שפּאַרט.

מיט יונגע אויגעלעך קינדיש-וויינענדיק געבעטן „די מאַמע רופט"

ל. קוויטקאָ

זיין אלט נאָר פינף כאַדאָשים,
פאַרמאָגן
אַ מיילעכל, אַ פולס מיט שטומער זויגן-טאַינע,
אַף אַלע אייוורעמלעך אַלץ נעענטער זיך רוקן
מיט ליפּן-קלאַמערלעך פאַרכאַפּן, דריקן
און זויגן, זויגן...
מיט ליפּן, הענט און פיס און מיט פאַרמאַכטע אויגן.

ד. האפשטיין

...ווי פרילינג-צייט בערעזע-זאַפט
מיט שטיקלעך קאָרע אומריין-ריין,
דאָך גלייך פון בוים,
אַפּילע טערפּקע אַפּן טאַם
('זוי איז דאָס שוין),
נאָר ס'שמעקט מיט גרינעם קנאָספּן-קליי...

אָ. שוואַרצמאַן

## ה. קאַמפּליצירטע בילדער

אַז דער דיכטער גיט איבער אַ קאָמפּליצירטע דערשיינונג, באַגרענעצט ער זיך ניט בלויז מיט איין בילד: ער באַנוצט זיך מיט פאַרשיידענע בילדער איינצייטיק, אַזוי אַרום ווערט באַשאַפן איין פאַרענדיקט בילד, אין וועלכן ס'באַהעפטן זיך און פלעכטן זיך איבער איינדריקן פון פאַרשיידענע געביטן. דאָס בילד מוז זיין בוילעט, אַרומגעשליפן און פאַרגאַנצט. נאָר דעמאָלט רעגט עס אונזער פאַרשטעלונג, און איז בעקויעך אונז אַריבערטראָגן אין דעם גע-פיל-געביט, וואָס דער קינסטלער שילדערט.

אַ נעפּל איבער גאַסן,
לאַמטערנעס שטיקן זיך און פינקלען;
אַראָפּ די שפּיצן, אָפּגעהאַקט די קאַנטן,
פאַרשמירט די ווינקלען,
געביידעס הויפנס שטייען שטום
אַף פייכטער ערד...





אַזויפיל נעכט דאָ גיי איך אום
אַהין, אַהער,
אַ שטילער וועכטער...
אָ, הער נאָר! הער:
אין נעפּל קלינגט
דאָס גייען צוויי מיט טראָט מיט איינעם.
געדענקסט אַן אָוונט פונקט אַזוינעם?

„...איז אָבער שוין אינגיכן געווען אַזאַ שיינער פראָסטיקער זונטיק, און דער שניי האָט אין אים דאָס ערשטע מאָל, מיט צוויי מאָל ווייס אנטקעגן דער שטראַלנדיקער זון געשווינדלט, און די קלייטן זיינען אין אים דורכויס צוליבן גויעשן יאָנטעוו געווען געשלאָסן. איבער דער פראָסטיק ווייסער שטאָט האָבן זיך פיל אייגענע און געדונגענע שליטלעך געיאָגט, און די מאַיסע, וואָס דער באַנייטער דרויסן האָט דער אַרומיקער פעלדער-שטילקייט דערציילט, יאָז באַשטאַנען דורכויס פון אַן אָפּגעשוואַכטן גלעקער-קלאַנג און פון אַ פריילעכן פערדישן ניס, וואָס אַ לויפנדיק שליטל האָט ערגעץ פאַרלוירן."

ד. בערגעלסאָן



## 2. עפּיטעט

אינם שווינדלענדיקן לעבן, אינם גרויסן אַרום איז ניט שטענדיק לייכט אָפּצוטיילן איין דערשיינונג פון דער צווייטער, איין צושטאַנד פונם אַנדערן. יעדע דערשיינונג איז פילזייטיק און קאָן פילאַרטיק אויפגענומען און באַשטימט ווערן: איינער פון די הויפּט-מיטלען, דורך וועלכע דער דיכטער שילדערט די אויפגענומענע דערשיינונג פון אויסערלעכן אָדער אינערלעכן לעבן איז די פּאָעטישע באַשטימונג *.

די פּאָעטישע באַשטימונג טראָגט דעם נאָמען עפּיטעט.

שטיל און אנגענעם און קינדיש-פוילבלעך
ליגט דער טייך פארקלערט אין שטילע בערג,
אין גרויע

ל. קוויטקאָ

א שטילע פרייד ליגט גאָלדיק אַף די פעלדער

י. שוואַרץ

* די פּאָעטישע באַשטימונג דאַרף מען ניט צונויפמישן מיט דער לאָגישער. צום ביישפּיל: „איר ווערטער, איר אידישע ווערטער... ווערטער, ווייכע און צאַרטע"...—דאָס וואָרט „אידישע" איז א פּאַשעטע באַשטימונג, וועלכע איז נויטיק צוליב דער פּינקטלעכקייט און האָט ניט קיין סטי-ליסטישן באַטייט. „ווייכע און צאַרטע" — דאָס זיינען פּאָעטישע באַשטימונגען.

דער עפּיטעט שטרייכט אונטער די אייגנשאַפט פון דער דערשיינונג, וועלכע איז צו דעם מאָמענט פאַרן דיכטער באַזונדערס וויכטיק. צווייטנס דריקט ער אויס די עמאָציאָנעלע באַציאונג פונם דיכטער צו דער געשילדערטער זאַך.

אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלעמען אונטערשיידן מיר:

א. עפּיטעטן בילדערישע. זיי זיינען געווענדט, הויפּטזאַכלעך, צו די אויסערלעכע כושים.

אַ קישעפמאַכער איז די נאַכט,
די שטילע, בלויע נאַכט.

ש. פרוג

אַ שלאַנקע בעריאָזקע דערציילן וועט אונז די
לעגענדע פון וואַלד.

ד. איינהאָרן

בלוי-דורכזיכטיק און פריש איז היינט דער
פראָסט,
ריין און רואיק זיינען היינט די ווינטן. —
זון, און שניי, און לופט, ווי בלויער גלאָז.
זון און שניי, און גינגאָלדענע ווינטן.

א. כאַריק

דער גראָבאייזן, מיין פריינט,
איז שאַרף, — און ערד איז פייכט און זאַפטיק.

ל. קוויטקאָ

ב. עפּיטעטן עמאָציאָנעלע. זיי זיינען געווענדט הויפּטזאַכלעך
צו אונזערע געפילן.

אין לופט האָט געציטערט אַ צערטלעכע ווייסקייט

ד. איינהאָרן

אינם אויפגערעגטן הימל
זוי פיל כידעשדיקע וועלטן

אָ. שוואַרצמאַן

פון מילדע, פון זאָרגנדע מוטערשע בליקן
אַף אייביק, אַף אייביק צו שטורעם זיך ווענדן.

א. קושניראָוו

איך בין מיט זיי, מיט שטענדיק-גרייטע
צום נייעם שאַל פון מונטערדיקן האָרן.

ד. האָפשטיין



ס'איז אַ טאָעס צו מיינען, אַז דער עפּיטעט, אַלס אַ באַשטימונג-וואָרט, מוז אויסגעדריקט ווערן בלויז דורכן אייגנשאַפט-וואָרט. גראַמאַטיש קאָן דער עפּיטעט געגעבן ווערן אין פאַרשיידענע רייד-טיילן און זאַץ-טיילן, און אלס א פאַרברייטערטער עפּיטעט, ווערט ער אויסגעדריקט דורך א גאַנצן זאַץ.

פון אַלע פיר זייטן
שוין ציען זיך פלאַפלענדיק אומריינע שטראָמען.

אָ. שוואַרצמאַן

איך בין זון-גאָלד, איך בין פלאַמען,
פייער-פלאַקער — מיינע שטאַמען.

ל. קוויטקאָ

איבער פוסטקעס-זומפן, פונם יאַשיש — דניעפּער,
און פון הויך געפאַלן וואונדער-שיינער שטערן.

ע. פינינבערג

מיר שטאַמען פון פעלזן!
פון פעלזן, צעמאַלטע אַף מילשטיין פון צייטן!

ד. האָפשטיין

אָ! וויפל קינדער בלוטן נאָך נאָך פרייד!
איך, שטילער נאָכקוקער נאָך רויך פון
ווייטן נעפלדיקן פאַקל,
ס'איז נאָך מיין פוס צו טראָטוארן צוגעלייט
איך הער שוין נוויעס-קלאַנג אין שיקערלעכן וואַקל.

ע. פינינבערג

ס'איז וויכטיק צו באַמערקן דעם אַזויגערופענעם געקירצטן עפּיטעט, וועלכער איז ברייט אָנגענומען געוואָרן אין דער נייסטער אידישער דיכטונג.

דאָס האַרץ ווערט פול און זאַפט-באַשווערט,
ווי די צעאַקערט-פרישע ערד.

אָ. שוואַרצמאַן

אַקשן-קראַפט אין שפרייזן זיינעם.

ל. קוויטקאָ

נאָר העל איז זונען-פרייד!

ד. האָפשטיין

נאָר דעמאָלט, ווען דער עפּיטעט איז טרעפלעך, פריש און ניי, ווענדט ער אַף זיך אונזער אויפמערקזאַמקייט, דערפילן מיר אין אים דעם שאַרפן אויסדריק-מיטל. קעדיי צו פאַרשטאַרקערן דעם איינדרוק, ברענגט דער דיכטער

אָפּט אַ גאַנצע רייִ עפּיטעטן. ניט שטענדיק אָבער גיט זיך אים עפּעס איין, ס'קאָנען זיך באַקומען פּונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. דער ניט-געלונגע-נער אויסוואַל פון עפּיטעטן קאָן פאַרמאַטערן דעם לייענער. טשעכאָוו האָט אַמאָל אַזוי געראָטן גאָרקין: „אַז איר לייענט די קאָרעקטור, מעקט אויס, ווי ס'איז מעגלעך נאָר, די באַשטימונגען פאַר די הויפּטווערטער. באַ אייך זיינען דאָ אַזויפיל באַשטימונגען, אַז דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט איז זיך שווער צו פאַנאַנדערקלייבן, און ער ווערט פאַרמאַטערט".

די אויסדריקלעכקייט פונם עפּיטעט ווערט באַזונדערס פאַרשטאַרקט, ווען ער איז אונטערגעשטראָכן דורך דעם, וואָס אים ווערט נעבנגעשטעלט זיין קעגנזאַץ, זיין היפּעך.

די קלײנע בעריאָזאָווע וועלדלעך אַף ברײטע
אומענדלעכע שטרעקעס,
ווי אײנציקע ליכטיקע טרוימען אין טהאָם
פון א שווארצן געפּיל.

ד. אײנהאָרן

פון אַלטן שטאַם, פון אַלטן ראָסט
פאַרשיקערט קוקט מיין יונגע קרוין אקעגן זון.

ד. האָפּשטיין

דאָס אָרט פונם עפּיטעט אין זאַץ ווירקט אויך אפן איינדרוק, וואָס דער עפּיטעט שאַפט. דאָס געוויינלעכע אָרט פונם באשטימונג-וואָרט געפינט זיך, ביכלאַל, פאַרן וואָרט, וואָס מע באשטימט. דער באטייט פון עפּיטעט אבער ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן, ווען ער איז אָפּגעטיילט אָדער דערווײ-טערט פונם וואָרט, צו וועלכן ער געהערט.

די אויגן טרויעריק צו מאירעוו-ראנד געווענדט.

מאני-לייב

אין לאַנד, וואו עס קייקלט די לענאַ
איר מעכטיקן וואַסער, דעם קאַלטן

א. ליעסין

באַ וועגן, בא ווייטע,
וואו רעדער, וואו בלינדע
פאַר ווינטן פארשייטע
אַלץ מאָלן און מאָלן די היימלאָזע שטויבן,
דאָרט האב איך אַף פעלדער פון העפקער מיין זייאונג
געקלויבן

ד. האפּשטיין



געוועזן א טרוים, אן אלטער א פאראקשנטער.

ש. האלקין

אָפּט ווערט איינער און דערזעלבער עפּיטעט איבערגעכאַזערט צוויי און אַפילע דריי מאָל. דאָס ווערט אויך געטאָן, קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם איינ-דרוק, און ניט אומזיסט רופט מען אַזאַ עפּיטעט ניט צווייענדיקער, דרייענדי-קער עפּיטעט, נאָר קוואַדראַט- אדער קוב-עפּיטעט.

יוגנט איז מיין גרויסער, גרויסער אויצער.

ל. קוויטקאָ

ס'דאַרף פרילינג מיך טרעפן, א וואונדערלעך
רייכן, א וואונדערלעך העלן.

ע. פינינבערג

איצטער, איצטער ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזן — מיינע וואונדן.

מאני-לייב

שווערע וואלקנס? ניט קיין שווערע וואלקנס,
עפּעס שווערער, שווערער.

ה. לייוויק

ס'באַמערקט זיך אַ שטרעבונג אויך אין קלאַנג דערנענטערן דעם עפּי-טעט מיט זיין באַשטימטן וואָרט. אפט אַפילע הויבן זיך ביידע אָן מיט איין קלאַנג.

צום נייעם קנויט פון פרייעם פאקל דיינעם,
אָ, גרויסע וועלט,
פון ווייטן וואגלעניש
מיט שווערן שלעפּ פון נויט
אויך איך האב דיר א פאָדעם צוגעשטעלט.

ד. האפּשטיין

צעשראָקענע שטערן באהאלטן זיך
אין די שטאָלענע קנייטשן פון טייך.

א. קושניראָוו

פאַרנאַכט ווערט פאַרלאָשן אין פאַרביקער פרייד.

ל. רעזניק

וויכטיק איז אויך צו באַמערקן דעם מיטקלאַנג צווישן עטלעכע עפּי-
טעטן, וועלכע געהערן צו איין וואָרט.

ווי דורכזיכטיק, ווי דופטיק איז דיין דינינק הייטל.
ד. האָפשטיין—„אן עפּל״

מיין הויף איז דער שענסטער און שמאָלסטער אין
שטאָט.
ל. רעזניק

באַשטימטע אַרטן פון עפּיטעטן, סײַ אין זין פון פאָרם, סײַ אין זין פון אינהאַלט קאָנען פאַרנעמען אַ גרעסער אָרט, קאָנען פּרעוואַלירן אין דער אָדער יענער ליטעראַרישער שול, בײַ דעם אָדער יענעם דיכטער, און אַזוי אַרום כאַראַקטעריזירן זייער פּאָעטישן סטיל (פאַר האָמערס פּאָעמען, אַשטייגער, זיינען כאַראַקטעריסטיש די אַזויגערופענע צונויפגעזעצטע עפּיטעטן: אָקסן-אויגיקע; פלינקפיסיקער; דאָס זיינען געווען שטענדיקע באַגלייט-עפּיטעט).

אין דער אידישער דיכטונג איז פאָרגעקומען, אָנהויבנדיק פון ד. איינ-האָרנען, אַ גרויסער צוג צום עפּיטעט. די אָרעמקייט אין דיפערענצירטע שילדערונג-מיטלען אין דער אידישער שפּראַך האָט געטריבן זוכן נייע קונסט-מיטלען, און דאָס ערשטע איז געווען דער עפּיטעט.

דער געברויך פון עפּיטעט איז פאַרברייטערט געוואָרן אין אלע הינזיכטן. די יונגע אַמעריקאַנער דיכטער האָבן וואַריאירט דעם עפּיטעט. די נייע אידישע דיכטונג אין ראַטן-פאַרבאַנד האָט אים טאַרטיפט און האָט אַריינגעפירט אַ גאַנ-צע ריי ניי-געשאַפענע עפּיטעט-פאָרמען און נייע געברויך-פאָרמען פון עפּיטעטן.

## אויפגאַבן

1. וועלכע פון די פאָלגדיקע באַשטימונגען זיינען עפּיטעטן?

בעסער א לעבעדיקער הונט, ווי א טויטער לייב;
אין אלגעמיין איז די צייטונג לעבעדיק, טויט איז נאָר די אָפּטיילונג פון כראָניק;
אַ הויכער בוים; הויכע געדאַנקען;
קליינע קויכעס; קליין-אַזיע;
אן אייזערנע קייט; אן אייזערנער קאָפּ;
אַ סאַמעטן קלייד; אַ סאַמעטן קאָל;

2. טראַכט צו עפּיטעטן צו די פאָלגנדיקע ווערטער:

הימל, וואָלקן, זון, ווינט, טאָג, נאַכט, זומער, ווינטער, האַרבסט, פרילינג, גראַז, האַמער, זעג, אויגן, פייער, קויעך, מאַיסע, ליד.

3. קעדיי קלאָר צו מאַכן די מאָלערישע ראָליע פון עפּיטעט, שרייבט איבער די פאָלגנדיקע פיר שורעס אַרויסלאָזנדיק די עפּיטעטן.

אן אלטער טויער לאָזט אַרויס
אַ הייפל שטילע רינדער
אָף בעטלערישן זוכן
אין אָרעמען אַרום.



### ליטע

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אף די טונקעלע פעלדער
און רוט אף די איינזאַמע בוימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפן אף זיי;
דער קלאָרער, פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער
דורך ווייסלעכע זיידענע נעפּלען, דערפילט, מיט א צערטלעכן וויי;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן, ווי עלנדע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָרגן זיך שטיל אין א בלאַסן קרענקלעכן שיין;
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף, ווי א שמייכל אף גויסעסע ליפּן;
די טעג, וואָס דערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען פון אונטער באַרויגעזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אף ברייטע אומענדלעכע שטרעקעס,
ווי איינציקע ליכטיקע טרוימען אין טהאָם פון א שוואַרצן געפיל;

עס האָט מיך פאַרקישעפט דאָס לאַנד, וואו די זון קוקט אַרויס דורך א נעפּל;
דאָס לאַנד, וואו עס קומען קיין שטורעמס, נאָר ווינטעלעך קייקלען זיך מיד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענקט אין א טרויער, און האָט אין זיין שטענדיקן צווייפל;
דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך געוועבט מיין פאַרבענקטעס פאַרכאַלעמטעס ליד.

ד. איינהאָרן

4. שטרייכט אונטער אין דער ליד „ליטע״ די עפּיטעטן; שיידט פאַנאַנדער די בילדערישע פון די עמאַציאָנעלע.
5. וואָסערע עפּיטעטן האָט די פאָלגנדיקע ליד? בילדערישע צי עמאַציאָנעלע? שטרייכט אונטער די עפּיטעטן.

* * *

איך בין, מיין וועלט, אפסניי צו דיר געקומען!
איך האָב מיך קוים מיט ברעג פון נאַכט געזעגנט,
האָט שוין מיין אויג מיט העלער שיין באַרעגנט
דעם ברייטן גלאַנץ פון דיינע הויכע זיילן!..
איך בין, מיין וועלט, אפסניי געקומען,
א טאָג א ליכטיקן בײַ דיר פאַרווײלן,
אפסניי האָב איך היינט אָנגעקלונגען
אין גרויסן גלאָק בײַם דורכזיכטיקן טויער,
מיט נייער פרייד האָט נאָכגעזונגען
דעם לויטער-קלאַנג מיין ציטערדיקער אויער...
פון ענגער שטייג, פון שטייפע ריפּן
מיין האַרץ זיך רייסט מיט מונטערדיקן קלאַפּן,
מיט דורשט זיך ציען מיינע ליפּן
נאָך יעדן לוסטיקן פרימאָרגנדיקן טראָפּן,
עס קלינגט מיין צונג, עס שאַלט מיין גומען:
איך בין, מיין וועלט, אפסניי צו דיר געקומען!

ד. האָפשטיין

6. פארגלייכט די עפּיטעטן פון די צוויי געבראכטע לידער.
וואָסער שטימונג שאַפן די עפּיטעטן אין איינהארנס ליד, א וואַסערע — אין האַם-שטיינס ליד ;

7. מע קאַן דורכמאַכן מיט די שילער אַזאַ אויפגאַבע : דער לערער קלייבט אויס א ליד אָדער אַן אויסצוג פון פּראָזע, וואָס איז אינטערעסאַנט מיט זיינע עפּיטעטן ; ער לייענט עס דורך, אָדער ער שרייבט עס אָן אַפן טאוול אָן די עפּיטעטן. די שילער דאַרפן אליין צוטראַכטן עפּיטעטן, רעכענענדיק זיך מיטן מעטער פון דער ליד. די אַרבעטן פון די שי-לער ווערן פאַרגלייכט, און, לעסאָף, ווערט דורכגעלייענט דער פולער טעקסט פון דער ליד אָדער פונם פּראָזע-אויסצוג.

# 3. פאַרגלייכונג

אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך קומען מיר אָפט אָן צו פאַרגלייכונגען. מיר מאַכן קלאָר איין דערשיינונג דערמיט, וואָס מיר שטעלן דערנעבן א צווייטע ענלעכע דערשיינונג. אין דיכטונג ווערט דער מיטל אויסגענוצט אסאך ברייטער און טיפער. ס'ווערן געשטעלט איינס נעבן אַנדערן, ס'ווערן פאַרגלייכט, דערשיינונגען פון פאַרשיידענע וועלטן, פון פאַרשיידענע געפיל-געביטן. דעם דיכטער איז אין דערדאָזיקער רעגע נויטיק צו דערנענטערן איין שטריך פון ביידע פאַרגלייכטע דערשיינונגען. דערמיט ווערן דערגרייכט גאָר באַזונדערע עפעקטן. די דערשיינונג, מיט וועלכער עס ווערט פאַרגלייכט, רופט אַרויס נייע בילדער, געדאַנקען און שטימונגען. דאָס אלץ ווערט צוגעאייגנט דער געגעבע-נער דערשיינונג, און זי ווערט אזוי ארום ניט נאָר דערקלערט, נאָר אויך באַרייכערט.

ווי זומער ס'פעלד נאָך האַלבן טאָג,
ווען בוים פון ווייט מיט יעדן צווייג
שטייט בוילעט קלאָר, —
אַזוי איז שטיל מיין האַרץ.

און ווי די טויב, וואָס פליט ארויס
פון טורעם-שפּיץ אַף הימל-שויס,
אַף בלויען בלויז, אַף ווייסן בלוין —,
יזוי פלאַטערט אָפט מיין האַרץ.

און ווי דער יאַם אין מיט פון נאַכט,
און ווי די בייזע שפּיל פון שלאַכט —
איז אויך מיין האַרץ...

א. שוואַרצמאַן

דער גאַנצער סכום פון פאַרשיידענע פאַרגלייכונגען ווערט לויט זיין אינערלעכן מהות איינגעטיילט אין צווייערליי אַרטן.



## א. בילדערישע פאַרגלייכונגען

זיי ווענדן זיך, זיי אַפּעלירן פריער פאַר אַלץ צו אונזערע אויסערלעכע כושים.

מיין ליד איז געפאַנגען אין ריטם פון טרויעריק שטילע געזאַנגען;
עס סוידען זיך ווערטער, ווי בלעטער, וואס וועלקן און פאַלן פון בוים;
עס ציען זיך פערזן, ווי בייטן מיט שפּעטיקע זאַנגען,
פון אונטער אַ הימל אַ גרויען, וואס זיפּט מיט אַ רעגעלע קוים.

ד. איינהאָרן

זיינען געפלויגן די מיידלשע יאָרן
ווי בינען פון בלימל צו בלום.

מנחם

„טיילמאָל שטעלט זיך אַ האַנט אָפּ, דאס העמערל לאָזט אָנמעכטיק נאָך, און בלייבט ליגן אַף דער ווילפלאַך איבערגעדרייט, ווי אַן אָפּגעשטאַנען פישל מיטן בייכל אַרויף".

ווייסנבערג

הענט אין שליידערער, ווי פליגל,
יעדער קערפּער, ווי אַ שלאַנג.
שטייף אין שליידערער די סטרונעס,
ווי די אָדערן אין האַנט.

ל. מילער — „טעניס-לידער"

ווי אַ דינינק גרעזעלע בין איך מיידלוויז געוועזן.

א. פּיאַטיגאָרסקאַיאַ

האַט זי רוף פון צעשויבערטע ווינטן,
ווי קלינג אין נאַכט דערהערט.

ז. אקסעלראָד

לייגן זיך, ווי טאַצן, בויגנס,
שטייף און לייכט, ווי יונגע הענט,
גלאַנץ פון פרייד אין כוואַרעס אויגן,
ווי פלאַקאַס אַף שווערע ווענט.

י. ראַבין

## ב. עמאָציאָנעלע פאַרגלייכונגען

זיי באַווייזן אונזער אינערלעכע באַציאונג צו דער דערשיינונג, ד.ה. צוויי זאַכן ווערן פאַרגלייכט אַפּן סמאַך פון דעם, וואס די געפילן, וועלכע זיי רופן אַרויס זייגען צווישן זיך ענלעך. אַזוי אַרום קאַן די עמאָציאָנעלע פאַרגלייכונג

אויסדריקן צערטלעכקייט, אַכטונג, באַוואונדערונג, באַגייסטערונג און, פאַרקערט, פאַראַכטונג און אויסלאַכונג.

ליגן ווי יעסוימים, הונגעריקע כורוועס,
פון יעדערן פאַרגעסן און פאַרלאָזט.

איציק פעפער

„דער אומרואיקער געפּלאַסטערטער טראַקט ציט זיך מיט זיינע בלייקאָלי-רענע שטיינער, ווי אַ שטרענגער וואָכעדיקער פּאַס״.

ד. בערגעלסאָן

באַזונדערס איז קעדאַי אונטערצושטרייכן די קאָמישע פאַרגלייכונגען, מיט וועלכע די אידישע ליטעראַטור איז אַזוי רייך (מענדעלע, שאָלעם-אַלייכעם).

„ציין גאָט נאָר ווייסט — אַזוי דערציילט ביניאָמען אַליין — ווי איך בין דענסטמאָל געשטאַנען אין איינע צאָרעס, אין געהאַקטע וואונדן. הונדערט פּי-פערנאָסערן וואָלט מיר ליבער געווען צו באַגעגענען, ווי מיין ווייב. האַשעם-איסבאָרעך האט אָבער מיך געשטאַרקט, איך בין באַלד טאַקע באַהאַרצט אַנט-לאָפן, זיך פאַרבאָרגן אונטער דער ווינט-מיל און געלעגן דאָרט, ווי אַ לייב ליגט אַף זיין פאַרצוקונג״.

מענדעלע

„אָט וועט ער אויפשטיין, וועט איר זען אַ סנאָסט פון אַ מענטשן, הויט און ביינער, לאַנג און שמאָל, אַ פּענעמל, ווי אַ פּייג, און אַ וואוקס, מ׳שטיינס געזאָגט, אויסגעצויגן ווי אַ לולעוו״.

שאלעם-אלייכעם

„איין זאַך נאָר, וואס דאס פּאָנים איז אים געקנייטשט; זעט אויס, ווי אַ געזייערטער עפּל, ווי אַ קיסלעצע״.

שאלעם-אלייכעם

„אַ קאָל האָט ער געהאט, ווי פון אַ פּאַס, און געגאַנגען איז ער מיט ברייטע הויזן און מיט גרויסע שטיוול, ווי אַ בער, אַ קאָפּ איז אים אַף געזעסן ווי אַ באַק-דייזשע״.

שאלעם-אלייכעם

דער קינסטלער קאָן פאַרגלייכן:

א. דאָס קאָנקרעטע מיטן קאָנקרעטן

„דער עקאָנאָם האָט געבונדן אַנטעקן הענט און פיס, ווי מע בינדט אַ בעהיימע צו דער שכיטע״.

אפּאטאָשו





„כמורנער הארבסט-רעגן שיט זיך, ווי אַנגעלאָפּענער גראָבער אַרבעס, און פּיקט אין די אויסגעדארטע פלייצעס״.

ש. גאָרינער

אַ פּראָסטיקע נאכט, אַ פאַרלאָזענער שייער;
איך זיץ ווי אַ הונט נעבן האָר, באַ מיין פייער;

א. שווארצמאן

ב. דאס אבסטראקטע מיט דעם קאָנקרעטן

און טריבע מינוטן דורך פענסטער דורך העלע מיר שיטן זיך ווידער.
איך זיפּ זיי דורך פינגער דורך מידע, ווי זאַמד,
ווי אַנצאַליקן זאַמד אַף אַ ברעג פון יאָם.

ד. האפשטיין

נאָר ליידן ניט לאָזן זיך ציילן,
ווי שטערן אַף הימלשן בלוי.

א. קושניראָוו

ג. דאס קאנקרעטע מיט דעם אַבסטראקטן.

ווייסע פרילינגס-בליטן
שיטן זיך און שיטן...
גלייך, ווי דיינע טרוימען,
וועט מען זיי ניט היטן.

ד. איינהארן

עס ציען זיך שטראלן, ווי גליקלעכע רעגעס אין אייביקן אומעט.

ד. איינהארן

ווינטער-נעכט, ווי פויערשע דאיגעס,
לאנג און דערשראָקן און טונקל.

מ. שאפירא

און ליכטיקן שמייכל האט קינד, ווי אַ נעס, אין דער הויך
דאָרט צעהאנגען

מ. כאשטשעוואצקי

מע אונטערשיידט פאַרגלייכונגען:

א. לאַקאָנישע (קורצע)

גייט אַרויס אַ האסטיקער דעקרעט
מיט ווערטער זיכערע, ווי פיילן.

א. כאריק

לייגן זיך טעג אויס, ווי אַ פאַרטיקער קאָרן

א. קאהאַן

## ב. ברייטע

עס ווערן געבוירן כאַלומעס און שטאַרבן,
ווי זאַנגען אַף צייטיקע גאָלדענע פעלדער,
וואס פאַלן אין גלאַנץ פון דער שטאָלענער קאָסע.
און נאָכדעם — געבונדן אין גאָלדענע גאַרבן —
צעפירט מען זיי פריילעך מיט לידער אין שייער.

ד. איינהארן

די פריער געבראַכטע ליד פון א. שווארצמאנען „ווי זומער ס'פעלדט נאך האלבן טאָג" שליסט אין זיך איין צוויי ברייטע פארגלייכונגען, יועלכע שטעלן מיט זיך פאר באזונדערע פאר־גאנצטע בילדער.

אין דער אידישער דיכטונג איז אין דער גרעסטער צאָל די פארגלייכונג געברויכט געוואָרן בא אָשער שווארצמאנען. העכער האלב לידער זיינע האבן אין זיך פארשיידענע פארגלייכונגען. אויך אין ד. איינהארנס „ליטע" שפילט די פארגלייכונג א גרויסע ראליע. ניט נאר לויט דער צאָל פאר־גלייכונגען, נאר אויך לויט זייער אינטענסיווער ראליע אין זיין ליד, פארנעמט אשער שווארצמאן דאס ערשטע ארט. מע קאן זאגן, אז די פארגלייכונג אין דער אידישער דיכטונג האט בא אשער שווארצ־מאנען דערגרייכט איר העכסטע מאדרייגע. בא די מאדערנע דיכטער נאך שווארצמאנען איז זעלטן צו געפינען אָט די רואיק-באָאָבאכטנדיקע געדולדיק-זוכנדיקע שטימונג, וואס ברענגט צו פולע פארגלייכונגען. אין דער הינזיכט איז זייער כאראקטעריסטיש די געבראכטע ליד פון א. שווארצמאן „ווי זומער ס'פעלדט". דא זעען מיר, ווי דער דיכטער ראנגלט זיך: ער מאכט איין פארגלייכונג און בלייבט אומצופרידן, ער מאכט די צווייטע און זעט, אז ס'איז ניט גענוג און פארענדיקט מיט א דריטער און פערטער פארגלייכונג.

דער קוואל, פון וואַנען דער דיכטער שעפּט זיינע פארגלייכונגען, העלפט אונז דערגיין צו זיינע סאָציאַלע וואָרצלען, צום גרונט-טאָן פון זיינע וועלט-באַנעמען.

אין דער הינזיכט זיינען כאראקטעריסטיש:

1. פארגלייכונגען פון דער טויטער אומאָרגאנישער און אָרגאנישער נאטור.
2. פארגלייכונגען פון דער וועלט פון לעבעדיקע באשעפענישן.
3. פארגלייכונגען פון דעם שטייגער-לעבן.
4. פארגלייכונגען פון דער וועלט פון זאַכן, געווער, און געצייג.

דער אַנאַליז פון די פארגלייכונגען בא דעם אָדער יענעם דיכטער אין פארשיידענע עטאפן פון זיין שאפן איז זייער וויכטיק פאר דער פאָרשונג פון זיין אנטוויקלונג.

דער אַנאליז פון די פארגלייכונגען בא א גרופּע דיכטער פון דער אָדער יענער טקופע קאָן קלאָר באצייכענען און באשטימען די לעבנס-פאקטן, דורך וועלכע זייער באוואוסטזיין איז פאָרמירט געוואָרן.





די אידישע דיכטונג וויסט אויך פון א נעגאטיווער פארגלייכונג:

ניט דער וויינגאָרטן בליט,
ניט דער גאָלד-עפּל גליט.
אַף די פעלדער צעשפרייט
ווען א ווינטעלע ווייט,
כוואליעט שטיל זיך פארשעמט
אונזער אָרעמער ברויט.

ד. איינהארן

ניט קיין הערש האט זיך דערשראָקן,
אינמיטן שפרונג זיך אָפּגעשטעלט,
צו פארדאכטע טריט פון ווייטן
אויג און אויער אָנגעשטעלט —
ס'האט מיין שיינע שטיל בעציטערט,
זי האָט קלאָר ניט געוואוסט,
וואס אַזעלעכס קומט און פרעגט ניט
און מאכט שלאָגן הויך איר ברוסט.

אָ. שווארצמאן

נישט דער יאַם האט געדרישט און געשטורעמט,
ס'האבן טאָטערן אַן אויפרוף געלייענט.

א. פעמער

ניט געשרייען — לינדע ווינטן ווייען פריש.

ע. פינינבערג

ניט גראָז פון וויסטעניש, אָ ניין!
נאָר שטראלן פון באַגינען
צעשפּראָצן זיך אַף יעדן שטיין
פון דיינע ליכטיקע רוּאינען,
אָ, מאָסקווע, שטאָט!

ד. האפשטיין

דער זין פון אָט דער פארגלייכונג באשטייט אין דעם, וואס אַף צוויי דערשיינונגען ווערט פון איין זייט, אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען ענלעך, און פון דער צווייטער זייט, ווערט אונטערגעשטריכט, אַז זיי זיינען ניט איינע און די זעלבע זאך. אַלס רעזולטאט באקומען מיר אַן איינדרוק, אַז ביידע דערשיינונ־גען קאָנען כאָטש אַף אַ רעגע גענומען ווערן איינע אָנשטאָט דער צווייטער.

„ניט קיין נאָז איז בא כאָנען — אַן אוגערקע, אַ געל-בלאָע מיט פיפּקעלעך".

וואלקנשטיין

מיר זעען, ווי דער אווטאָר גייט לייכט איבער פון דער נאָז צו דער אוגערקע. שפּעטער מיט עטלעכע שורעס לייענען מיר;

„כאָנע שטייט אין מאַרק. די געשוואָלענע אוגערקע וויל אַ טרונק בראָנפן".

דערפאר איז די נעגאַטיווע פארגלייכונג זייער אומיטלבאר און גייט זייער נאָענט צו צו דער מעטאַפאָר.

## אויפגאבן

1. באטראכט די פארגלייכונגען אין שווארצמאַנס ליד „ווי זומער ס׳פעלד" און אין איינ-הארנס ליד „ליטע" (זייט 49—50).

וואסערע פארגלייכונגען האבן מיר דאָ?
קורצע צי פארשפּרייטע?
בילדערישע צי עמאָציאָנעלע?
פּאָזיטיווע, נעגאַטיווע?

פון וואנען שעפּט דער דיכטער זיינע פארגלייכונגען?
וואס מיט וואס ווערט פארגלייכט? (דאס קאנקרעטע מיטן אבסטראקטן און פארקערט).
וועלכע פארגלייכונגען געפעלן אייך בעסער?

2. באטראכט די פארגלייכונגען אין די פאלגנדיקע אויסצוגן.

פון דער ליד „ר א ס י י אַ"

ניט דער גיבער שימשון אין זיין לעצטן ראנגל
טרייסלט אויף די זיילן פון זיין פיינטס פעסטונג;
דאס האסטו מיין לאנד,
די וועלט באראשט מיט קלאנגען,
וועלכע שטייגן הײַנט פון דײַנע גלאקן-נעסטן.

אונטער הויכע הימלען, אונטער וועלטנס ענדן
ניט קיין כמארעס, רינגלען, ניט קיין ווינטן רודערן...;
העי, דאס פליען אויף
און וויכערן אַף לענדער
פון דיין שווארצן אָדלער אויסגעפליקטע פעדערן.

און פון פייער-בליצן שנעלער נאָך און פלוצלינגער,
ליכטיקער און פארביקער פון מענטשישע באַגערן,
האט אַף ערדן אויפגעשיינט
דיין פינעפשפּ-ציקער,
דיין ניצאָכנדיקער. פייערדיקער שטערן.

א. קושניראוו

* * *

פון וואנען קומען זיי צו מיר
די טעג —
באכורים יונגע
מיט רייפן זוני,ע געגארטלט,





מיט טונקלען קופּער אַף די לענדן,
וואס צו דיין שוועל דאָ טאנצן?
אנן גאָרניט שטייט צו זיי ניט צו,
אין קלאַמערס נויט.
ווי ליסקעס ליכטיקע
פון שטאָלצע סאָסנע-שטאַמען,
שיטן זיך פון זיי אראָפּ,
און שווארצע וואָלקנס ווייַ,
ווי צאַרטע שפּינוועפּס-פעדים
זיך ציען אין דער הויך...

ד. האָפשטיין

מע קאָן דורכמאכן מיט דער פארגלייכונג דינעלפע ארבעט, וואס מיטן עפּיטעט.

3. פאַר גרעסערער ארבעט קאָנען גילטן אזוינע אויפגאבן. די פארגלייכונג בא בערגעל-סאָנען (נאָך אלעמען), די פארגלייכונג בא איינהארנען, שווארצמאנען, האָפשטיינען א. אנד.

אין די ארבעטן איז באזונדערס וויכטיק פעסטצושטעלן דעם געביט, פונ וועלכן דער דיכ-טער שעפּט זיינע פארגלייכונגען. ס׳איז אויך זייער אינטערעסאנט דורכס׳רן פאראלעלן צווישן צוויי קינסטלער פון פארשיידענע טקופעס.

## 4. מעטאפאָר

ווי מיר האבן געזעען, קאָן יעדע פארגלייכונג קומען דערצו, אז אַף איין מאָמענט זאָל איין זאַך אין אונזער פאָרשטעלונג פארביטן ווערן דורך אַן ענ-לעכער, אַ צווייטער. אַזוי אַרום ווערט דער באטייט פון איין וואָרט איבערגע-טראָגן אַפן צווייטן וואָרט אַפן סמאַך פון אַ געוויסער ענלעכקייט צווישן זיי; דעמאָלט ווערט די פארגלייכונג א מ ע ט אַ פ אָ ר.

די פארגלייכונג שטעלט נעבן ביידע פארגלייכטע דערשיינונגען און בינדט זיי מיט הילף-ווערטער (ווי, אזוי ווי, פּונקט ווי א. א. וו.), די מעטאפאָר טראָגט פּאָשעט אַריבער אַף איין דערשיינונג די באמערקטע ענלעכע שטריכן פון א צווייטער. אַפן סמאַך פון נאָענטער ענלעכקייט שטעלט זי איין דער-שיינונג, אָנשטאָט דער צווייטער.

דורך טירן און פענסטער פארקייטלטע
באלאגעדט, באלאגערט מיך הארבסט

א. קושניראוו

דער הארבסט ווערט דאָ באטראכט, ווי אַ באוואָפנטער סוינע. אין פאַר-גלייכונג וואָלט געווען בעערעך אַזוי: פּונקט ווי א באוואָפנטער סוינע, אַזוי באפאלט דער הארבסט...

ווי מיר זעען איז דאָ אויסגעמיטן געווארן דער גאנצער קלאפּער-געצייג פון דער פארגלייכונג. בליץ-שנעל איז אָנגענומען געווארן אַז דער „הארבסט" באלאגערט. די מעטאפאָר איז אַ מער שאַרפער קונסט-מיטל און אנטשפּרעכט מער, ווי די פארגלייכונג, דעם געשפּאנטן אַרט לעבן פון אונזער צייט.

אַז מיר ריידן וועגן מעטאַפאָר, האבן מיר אין זינען די מעטאַפאָר פונם קינסטלערישן שאַפן — די מעטאַפאָר פון סטיל. אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך האבן מיר אַ שלאַל מיט מעטאַפאָרעס, וועלכע זיינען שוין אזוי אָפּגענוצט געוואָרן, אַז מיר באמערקן זיי ניט. מיר האבן שוין פאַרגעסן דעם אורערשטן באטייט פון וואָרט, און מיר פילן ניט, אז דאס וואָרט איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון אַן אַנדער געביט.

דעהאינע, ווען מיר זאָגן: „עס וואקסט די צאָל", „הי מאמע (באַם שטריקן אַ זאָק) האט אַראָפּגעלאָזט אַן אויגל", „אַ שאַרפער קאָפּ" א. א. וו. פילן מיר ניט, אַז די ווערטער „וואַקסט" „שאַרפער" „אַן אויגל", זיינען בילדעריש — זיי זיינען שוין אַן אייגנס פון דער טאָגטעגלעכער שפּראַך און האבן פאַרן סטיל קיין באטייט ניט.

מוסטערן פון פּאָעטישע מעטאַפאָרעס:

איך בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן היינט,

ל. קוויטקאָ

נעמט א נאכט באנייס אין שוועל זיך קלאפּן.

ע. פינינבערג

ס'שפּילט די זון און קלינגט מיט שטראלן.

ז. שווארצמאן

באַטאָגעדיקע שאָען לעשן זיך און ווייטערן.

פ. מארקיש

שטיפן בא מאצייוועס יונגע ווינטערדיקע טעג.

ל. רעזניק

אין סאמעט, אין גרויען זיך קוטען די קוילן,

ד. כאראל

און ווייטן זיך ווארגן מיט ברויזנדע דראָטן.

ש. האלקין

און ס'האבן געבריקעוועט זוניקע יאָרן און זיינען געפלויגן.

ד. האפשטיין

כ'האָב מיין בוזעם מיט רו זיך באשירעמט.

ש. ראסין

דער דרויסן מיך כאוועריש טוליעט,
און גלעט מיר מיט שניי מיינע טריט.

מ. טייף

איך גיי מיין יונגט שלייפן אין פאבריק.

י. ראפון



וואָס העלפט מיר באַשיצן פון אויסן,
אַז סע בלאָזט פון אינעווייניק גרויל.

א. וועלעדניצקי

האָט הויך אין דער לופטן נאָך קינדערשער שמייכל
געפלאטערט, געציטערט.

מ. כאשטשעוואצקי

הייס צעוויכערט האָט דער אימפּעט די מאַשינען.

כ. גילדין

פאַרן קינסטלער שטייט אַן אויפגאַבע, געפינען וואָס מער נייע געלונגענע קרוויוועשאַפט צווישן זאכן, און באַשאפן נייע מעטאַפאָרעס, וועלכע זיינען אין שפּראַך נאָך ניט פאַראַן. פאַרשטייט זיך, ווי מיט יעדן קונסט־מיטל, קומען פאָר מיסברויכן אויך מיט דער מעטאַפאָר, ד. ה. עס ווערן באַשאפן צו אָנגעצויגענע מעטאַפאָרעס.

אזעלכע מעטאַפאָרעס זיינען פריער פון אַלץ אומגעלונגען, ווייל זיי בלייבן אומפאַרשטענדלעך, אויב זיך דערלויבן א שפּאַס, קאָן מען זאָגן, אַז פון דער מעטאַפאָר ווערן אויפגעפאָדערט „בעטלעכע" פונקציעס, דאס פאָלקס־ווערטל זאָגט: „אַז גאָט וויל — שיסט א בעזעם", די מעטאַפאָר צווינגט מען אַפט שאַפן ענלעכע און נאָך גרעסערע ניסים.

## 5. פּערזאָניפיצירונג

אַ פאַרברייטערטע מעטאַפאָר, אין וועלכער די אייגנשאַפטן פון לעבעדיקע באַשעפענישן ווערן איבערגעטראָגן אַף נאַטור־דערשיינונגען אָדער אַף טויטע זאכן טראָגט דעם נאָמען פּערזאָניפיצירונג.

אַ קינד גלויבט, אַז אַלץ אַרום איז באַלעבט. יעדער שפּילכל זיינס, האָט אין זיינע אויגן אַלע אייגנשאַפטן פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש, אויך דער דערוואַקסענער מענטש פאַלט אַריין אָפט אין אַזאַ אילוזיע, און דאָס קומט פאָר אָפטער, ווי מע וואָלט געקאָנט דערוואַרטן.

מיר שרייבן אָפט צו אַלע אונזערע געפילן און ליידנשאַפטן דער אַרומיקער נאַטור. זעען מיר א הויכן פעלז, באַטיילן מיר אים באלד מיט אַ באַזונדערן געפיל־צושטאַנד: ער איז — אָדער איינזאַם, אָדער בייז, אָדער מעכטיק. געוויס האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט שפּורן פונם אוראַלטן גלויבן, וואָס האָט פאַרגעטערט די פאַרבאָרגענע אומפאַרשטענדלעכע קריכעס פון דער נאַטור. יעדע זאך — האָט זיך געדאַכט דעמאָלט דעם מענטשן — האָט א נעשאָמע. אכוצדעם שפּילט דאָ געוויס אַ ראָליע דער פאַקט, וואָס אַפן געפיל פון מענטשן ווירקט שטאַרקער דאָס לעבעדיקע, דאָס מענטשלעכע, איידער דאָס טויטע, אומבאַלעבטע.

„שפּינט זיך און שפּינט ווייטער דאָס מאַיסעלע...

פון לעוואָנע־שטראַלן שפּינט זיך עס, אין שטילע נעכט, אין לעוואָנע־נעכט..

דערציילט עס ווייטער אזוי: . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

און אזוי פארציילנדיק, צעשטראלט זיך עס דאס מאיסעלע און צע-
שמייכלט זיך..."

י. ל. פרעץ

„אף א פולן טייך א פריליגנדיקן, וואס דאס אייז פון אים איז נאר-
וואס אפגעגאן, זיינען אפן וואסער, אף זיין אויבערפלאך, א פאר נאך שטיקער
געבליבן. איינע א גרויסע, די אנדערע א קלענערע...
האט זיך דאן די קלענערע אייז-שטיק צו דער גרעסערער צוגערוקט
און איר אזוי געזאגט:

— אייז-שטיק, לאמיר זיך אין ווינטער דערמאנען.

— נאך וואס, אייז-שטיקעלע?

— באלד וועט אונז דער טייך אין יאם אריינברענגען, אף פולן און
אף פרייען, אף גרויסן און אף גליקלעכן, אף נייעם און אלץ באנייטן".

דער ניסטער—„אף די וואסערן"

און ס׳דרייט זיך דער ווינט אין דעם געסל און לאכט.
דער הארבסט האט די מידינקע אויגן פארמאכט.

מ. טייטש

„אין געסל איז געווען אויפגעראמט און שטיל, הייזער האבן פון זיך
שאבעסדיקע שאטנס אפגעווארפן, און זיך איבערגענומען:

— מיין שאטן איז גרעסער!

— און מיינער איז נאך גרעסער!"

ד. בערגלסאן

„די שרעק האט גענעכטיקט אין אונזערע הויפן און האט זיך געטוליעט
צו טויערן."

ל. רעזניק

## אויפגאבן

1. באטראכט די פאלגנדיקע ווערטער און אויסדריקן פון דער טאגטעגלעכער שפראך:

בייס זיך אפ די צונג!
האלט קאפ!
זיי ניט קיין כאזער!
גיב אים אין קאלנער!

2. זוכט צו ענלעכע אויסדריקן, און קלייבט זיך אין זיי פאנאנדער.
3. פארגלייכט די פאלגנדיקע אויסדריקן:

„דאס אינגעלע וויינט"—„דאס פידעלע וויינט"
„א מענטש גייט"—„די צייט גייט".





„א טויבער מענטש"—„א טויבע נאכט".
„דרייען א ראד"—„דרייט אים ניט דעם קאפ".

4. שטעלט צונויף א ריי זאצן, אין וועלכע ס׳וועלן באנוצט די פאלגנדיקע ווערטער, פריער בוכשטעבלעך און דערנאך מעטאפאריש:

א קרישטאלענער, א שטיינערנער, א הייסער, א טיפער, א נידעריקער, א הויכער
א צארטער, א מילדער.

שפרינגען, לאכן, שניידן, פויקן, ברענען, שווימען, טרינקען זיך, לויפן.

5. געפינט מעטאפארעס אין אויסצוג פון קושניראוו׳ס ליד „ראסיע" (זייט 56)
6. געפינט אין די פאלגנדיקע לידער מעטאפארעס און פערזאניפיצירונגען.

וועמעס אייגנשאפטן ווערן איבערגעטראגן אף די דערשיינונגען?
וועלכע פון די לידער שטעלט מיט זיך פאר א פארגאנצטע אויסגעהאלטענע פערזאניפיצי-
רונג?
וועלכע מעטאפארעס זיינען ניי, אומדערווארט?

### ש ט א ט

שטאט!
דו האסט מיך פון ווייט גערופן
מיט הורען פון דראט!
כ׳האב שטענדיק אף בארג דיך געזען!
דו האסט מיך פון ווייטן געצויגן
מיט צוואנגען
פון שיין און פון שימער —
דו האסט מיך פארנארט
און דו האסט מיך געפאנגען!
די רו פון מיין דארפישן צימער
האסטו מיר צעעקפערט
מיט פייפן פון צוגן,
צעשפאלטן, צעשפליטערט
מיט ציטער פון רעלסן...
אין הויכן איז שטענדיק געהאנגען,
איז שטענדיק געגאנגען
דער אומרו פון היינע פארצויבערטע קלאנגען —
שטאט!
דו האסט מיך געפאנגען.
פאר מיינע פארבלענדעטע אויגן
אף וועלדער-, אף פעלדער-באראט
איצט ליגט דיין אלמעכטיקער שטיינערנער קערפער
מיט רערן פארווארצלט אין טיף פון דער ערד,
צעשליידערט די ארעמס,
געהויפנט, געגארנט,
צעקעסטלט, צעצימערט,
אין גרונטן פארשווארצט, און אין הויכן באשימערט,
מיט קוימענס פארשפיצט און מיט שארטן פארטורעמט!
פארקניפט און פארגארטלט מיט רעלסישע שלאנגען,

באפלאָכטן, באהאנגען
מיט שפינוועפס פון דראָט —
שטאָט!
דו האסט מיך געפאנגען.

ד. האפשטיין

### ווענט

מיר,
הויכע, הארטע, פעסטע ווענט,
פאראורטיילטע: הערן און שטומען...
טויזנטער,
טויזנטער יאָרן מיר זיינען געהארכזאם געווען
געהערט און באנומען!..
און שווייגנדיק
אין זיך דעם מורמל פון דויהעס געשטיקט...
נאָר מער,
מער וועלן מיר שוין ניט שווייגן —
מיר הערן:
אָ שטייגן,
אָ גרייסן,
אָן אָפקלאנג
פון שווערע פון אייזערנע טריט...
ס׳גייט א גרויסער, א מעכטיקער.
אלץ, וואס ערשט נעכטן
געהערשט האט ווי פעלז,
ווי גראניט,
פאַלט פאר אים, קניט
מיט ציטער און גרויל...
— גיט אונז אָ מויל!
באקלעפט און באהענגט אונז
מיט מענגעס אַפישן, פלאקאטן און בלעטער...
מיט זיי,
ווי מיט ריזיקע גאָרגלען,
וועלן מיר שרייען:
מיר הערן
פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט.

א. קושניראוו

### אָוונט

עס האט דער טאָג זיין מידן קאָפּ, דעם קראנקן,
אין קילן מיארעוו-לאנד אראפגעבויגן;
ער גויסעט דאָרט מיט קראנקע, ראָזע אויגן,
און זופּט דאס לעצטע מאָל א טרוים אָן אלטן
פון זיין אויסגעוועפּטער יוגנט...



דער טאָג האט ציטערדיקע פינגער, געלע
אָף פעלדער און אף גאָסן אויסגעצויגן;
ביט די וועלט דער נאכט די מעלוכע איבער,
ציטערדיק און גאָרניט זאגנדר...

געפלעפטע שטייען בערג, און שורעס הייזער
ווייסן קוים, אז דאָ קומט פאר גאָר גרויטעס;
דער טאָג האט פון זיין לעבן אָנגעהויבן,
אוועק איז ער אָן אַלטער נאָר, אָ גויסעס.

ל. קוויטקאָ

### שטראָמען

געקומען איז אָ טאָג מיט אָ פייערדיקן בליק
און אלעמען זיי אָפגעלאָזט די לייצן,
און אָנגעזועט מיט זיסן גליק
פון וואקסן און פארפלייצן.
און אָן אָן אָפהאלט, אָן א צוים,
ווי גרינג איז לויפן, יאָגן, פאלן,
אף גריוועס טראָגן ווייסן שוים,
און ברעכן הייסע שטראַלן,
און ענטפער קריגן אָף געריוש,
און אין טאבונען זיך באהעפטן,
און טראגן ברידערלעכן רויש
מיט נייער פרייר, מיט נייע קרעפטן.

ד. האפשטיין

## 6. אַלעגאָריע

די אנטוויקלונג פון דער מעטאפאָר קאָן גיין נאָך ווייטער. אָפט גיט דער קינסטלער א שנידל פון מעטאפאָרעס, וועלכע שאפן אַ גאנץ בילד, אין וועלכן סאיז באהאלטן אַ באזונדער מיין. ס׳וועט ארויסגעזאָגט א גאנצער געדאנק, דורכן בילד ווערט עפּעס געדרונגען, געפּריידיקט, — דאַן באקומען מיר אַן אלעגאָריע *

די אלעגאָריע שטעלט זיך אַן אויפגאבע דורך איר בילדערישקייט קלאָ-רער, בוילעטער צו מאכן דעם באהאלטענעם געדאנק. ריידן רעדט מען וועגן איינס און מיינען מיינט מען וועגן עפּעס אנדערש.

אין דער מעטאפאָר ווערט דאס בילד אומיטלבאר צונויפגעגאָסן מיט דער אידייע, ווערט גלייכצייטיק געפּוירן מיט איר, אין דער אלעגאָריע איז דאס בילד צוגעפאסט פאר א פארטיקער אידייע. אָפט קומט אויס דאס בילד אויסטייטשן, קעדיי ארויסצובאווייזן דעם געדאנק, וועלכער שטעקט אין דעם. אַלע מעשאָלים זיינען אלעגאָריעס.

* אין ענגן זין הייסט אַלעגאָריע אַ ביטנאַי-זאָך אָדער אַ ביטנאַי-דערשיינונג, וואס ווערט באנוצט, קעדיי אויסצודריקן אַן אנדער באגריף. דער מעליצע-סטיל איז אויך אַן אַלעגאָרישער סטיל.

### דער האָן און די פּערל

גראַבלט זיך אַ האָן,
און טאַפּט אָן
אין שטויב אַ קערנדל, אַ האַרטס ;
א שאַר, אַ פּיס,
און אַ וואָרף צוריק
מיט האַרץ ;
מיט קאָפּ
אַ דריי,
און מיטן טראָפּ
אַ קריי, —
אומזיסט
צעשאַרט אזויפיל מיסט,
געמיינט אַ קערן
צו דערנערן,
אַ האָבער צי א גערשט,
ערשט —
נא דיר גאָר א פּערל !

ר׳ מאָרדכעלע

### די פליג

אַ שווערער וואָגן מיט פעסער ווייַן,
איז פאַרפאָרן אין א זומפּ אריין.
דער פורמאַן האָט אלץ אין דער וועלט בעטיען,
און די פערד האבן ניט געקאָנט ארויסציען ;
ער האָט זיי געהארגעט געשמיסן,
די שטריק האבן זיך אַזש צעריסן.
ער האָט ווידער געקניפּט און געבונדן
פון די בידנע פערד די חויט געשונדן.
און נייַן, און נייַן, און נייַן,
דער וואָגן בלייבט אַלץ שטיין.

א פליג וואס איז געשטאנען אַף דעם וואגן,
הויבט אָן צו זיך אליין צו זאָגן :
דער שויטע קוקט גאָר ניט צו מיר אַהער,
אַז איך מאַך דאס די פערד אַזוי שווער.
איך וועל אים אָבער די טויווע טיען
און שוין פון דעם וואָגן אַוועקפליען ;
זי פליט אַוועק און זאָגט זיך אין דער ברייט :
פאָרט שוין, פאָרט שוין, פאָרט אייך געזונטערהייט!

גוטע ברידערלעך ! לאָזט מיך געמאך,
אַזעלכע טויווס טוט איר אויך אַסאך.

ד״ר שלוימע עטינגער

30



## 7. סינעקדאָכע און מעטאָנימיע

יעדער זאַך פאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי שטריכן, אייגנשאַפטן, וואָס אין זייער סכום שאַפן זיי דעם מעהוס פון דער זאַך. ס׳טרעפט אָבער, אַז איין שטריך, איין דעטאַל, טרעט בוילעט אַרויס אין דער רעגע אַפן ערשטן פּלאַן און פאַרטונקלט די איבעריקע זייטן פון דער זאַך. עס געשעט, פאַרשטייט זיך, דעמאָלט, ווען דערדאָזיקער שטריך איז אַף אַזויפיל שאַרף און בוילעט, אַז ער וואַרפט זיך ניט ווילנדיק אין די אויגן ; נאָר דאַן ווירקט ער באַזונדערס שטאַרק אַפן דיכטערס געפיל, און ווערט אַזוי אָדער אַנדערש פאַרפיקסירט אין זיין אויפמערקזאַמקייט און אין זיין זיקאָרן.

אין אַזוינע פאַלן איז נאַטירלעך, אַנשטאַט דער גאַנצער זאַך אָנרופן אַ טייל אירן. אַזאַ קינסטלערישער מיטל הייסט סינעקדאָכע. די פאָלקס-שפּראַך באַנוצט זיך זייער אָפט מיט דעם מיטל:

„איך וועל דיך מער אַף דער שוועל ניט לאָזן“ — „שוועל“ אנשטאט „טיר“ אָדער „הויז“. „מיר וואוינען אונטער איין דאך“ — „דאך“ אנשטאט „שטוב“.

פאַר דער קונסט איז דער מיטל זייער וויכטיק און נויטיק.

מע קאָן זאָגן אפילע, אַז אַ קינסטלעריש ווערק שטעלט מיט זיך פאָר בענויגייע צום אַרומיקן לעבן איין גרויסע סינעקדאָכע. ווען אַ דיכטער מאָלט אויס אַ נאַטור-בילד, קאָן ער דאָך ניט מיט דער פינקטלעכקייט פון אַ געאָגראַף איבערעכענען אַלע וויכסטיקסטע אייגנשאַפטן און באַזונדערקייטן פונם געגעבענעם אָרט. נאכמער, ווען ער וואָלט עס אפילע אַזוי געטאָן, וואָלט זיך באקומען בלויז אַ פינקטלעכע געאָגראַפישע באַשרייבונג, אָבער ניט קיין פּאָעטישע שילדערונג. דער דיכטער דאַרף קענען אויסקלייבן אַזוינע בוילעטע שטריכן, וועלכע זאָלן מיטאַמאָל אַרויסרופן באַם לייענער אַ קאָנקרעטע בילד, וואָס ווערט נאָך מער באַרייכערט דורך זיין אויסגערידטער פאַרשטעלונג.

אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ גאַנץ בילד, געשילדערט בלויז דורך אַ טייל זיינעם.

אין דער דיכטערישער שפּראַך ווערן סינעקדאָכעס אָנגעווענדט אַף אַזאַ מין אויפן.

1. אַ טייל פון דער זאַך באַקומט די באַדייטונג פון דער גאַנצער זאַך און פאַרקערט:

און גדיוועס זיינען גרייט צום ערשטן שווינד,
און טלאָען אייזערנע קוים וואַרטן
אַף שטויס פון נייע שלאַכטן.

ד. האָפשטיין

2. ס׳ווערט באַנוצט די איינצאָל אַנשטאָט מערצאָל:

ער חאַפּט, אַז אינגיכן וועט קומען דער דייטש.

א. פעפער

נאָענט צו דער סינעקדאָכע שטייט די מעטאָנימיע. די מעטאָנימיע איז ברייטער פון דער סינעקדאָכע. די סינעקדאָכע האָט צוטאָן בלויז מיט קאַמעס-פאַרהעלטענישן. די מעטאָנימיע האָט צוטאָן מיט פאַרשיידענער אָפּהענגיקייט פון צוויי נאָענטע וואָרט-נעמען.

דער ווירקלעכער וואָרט-נאָמען פון א זאַך ווערט פאַרביטן דורך אַן אַנ-דער נאָמען, וועלכער איז אים נאָענט פון אַ וועלכן עס איז צאַד.

„איך האָב געלייענט לענינען" (אַנשטאָט די ווערק פון לענינען).

פון יאַרדן ביז וואָלגע איז פאָלג מיך אַ גאַנג (אַנשטאָט פון פּאַלעסטינע ביז ראַטנפאַרבאַנד).

אין יעדן הייזעלע און יעדער קאַמער
רעדט אַ ניי-מאַשין, אַ הובל צי אַ האַמער.

איזי כאַריק

געסלעך זינגען הייניקע פּאָעמען.

א. פעפער

נאָענט צו דער מעטאָנימיע איז אויך דער פאַל, ווען דאָס וואָס ווערט באַנוצט אין אַ א י ר אָ נ י ש ן זין און באַקומט אַ קעגנזעצלעכן באַטייט.

אַי, ביסטו אַ כאָכעם...

### אויפגאַבן

געפינט מעטאָנימיעס און סינעקדאָכעס אין די לידער, וועלכע זיינען געבראַכט אין די פריערדיקע אויפגאַבן.

## 8. היפּערבאָל

די היפּערבאָל שטעלט זיך אַן אויפגאַבע פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק. די היפּערבאָל גיט צו דעם בילד שטריכן פון אומגעוויינלעכקייט, אויסער-געוויינלעכקייט און גראַנדיעזקייט.

דאָס היפּערבאָלישע בילד גיט איבער דעם עקסטאַז פון קינסטלער, זיין באַוואונדערונג אָדער פאַראַכטונג.

קעדיי איינגאַנצן צו באַנעמען דאָס היפּערבאָלישע, קומט אויס דעם לייענער מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג, אָבער דעם עמאָציאָנעלן קערן פונם בילד באַקומט ער באַלד.

באַהעפטן וויל איך דיך צום ליד,
וואָס טוט שוין שאַלן,
ווי טויזנט וואַסער-פאַלן,
וואָס הימלען טרייסלען אויף.

אַ. שוואַרצמאַן

אָקטאָבער!
אַ אָנהויב, אַן „אַ",
אַ ברען, פון אומענדלעכן רונד,
אַ זוים פון אַ זון-ראַד.

ד. האָפשטיין

31



דאָס שטאַרק קאָמישע ווערט אָפט געשילדערט מיט דער הילף פון דער היפּערבאָל.

א מ ו י ד...

די הענט האַלט זי ביז די עלנבויגנס שטייף צו ביידע זייטן, די אָרעמס אויסגעשטרעקט גלייך פאָרנט, ווי צוויי האַלאַבליעס.

מענדעלע

א ל ט ע ר י א ק נ ע ה אָ ז...

זיין פּאָנעם איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציק-געלע האָר, פון וועלכע עס איז דאָ גענוג אַף פּייעס, אַף אַ באָרד און אַף וואָנסן, אי פאַר זיך, אי אַף נאָך עטלעכע אידן צו באַטיילן, אין דעם יאַם האָר, ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, אַ פליישיקע נאָז.

מענדעלע

### אויפגאַבן

געפינט דאָס מעטאַפאָרישע און היפּערבאָלישע אין אויסצוג פון האָפשטיינס ליד „פון וואַנען קומען זיי צו מיר די טעג—באַכורים יונגע" (זייט 56).

33

## 9. אַנטיטעזע

איינער וויינט, אַז די פּערל זיינען שיטער, דער צווייטער — אַז דער קרופּניק איז ביטער.

זיי זיינען פייער מיט וואַסער.
אַהין אָדער אַהער.
טויט אָדער רויט.
דערוויזן שוואַרץ אַף וויס...

פון פאָלקס מויל

איינער פון די וויכטיקסטע און שאַרפסטע קונסט-מיטלען, מיט וועלכן עס גיט זיך אָמבעסטן איין צו באַלעבן די זאַך, וועלכע ווערט געשילדערט, זי מאַכן אָנשוילעך — איז די אַנטיטעזע (דאָס קעגנשטעלן).

צוויי קעגנזעצלעכע זאַכן אָדער דערשיינונגען ווערן נעבנגעשטעלט און אַזוי פאַרבונדן, אַז דאָס גאַנצע בילד ווערט בולעט און ווירקט שטאַרקער אַף דער פאָרשטעלונג.

אויך אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך פאַרנעמט די אַנטיטעזע אַן אָרט. איר שליימעס געפינט זי אין ליטעראַטור און אין קונסט. אָפט ווערט די אַנ-טיטעזע גענומען איינעם מיט דער היפּערבאָל. דער היפּערבאָליזם אַליין ווערט אונטערגעשטראָכן מיט דער הילף פון קאָנטראַסט (הייפּעך).

שטעלן מיר איינע נעבן דער אַנדערער צוויי דערשיינונגען, וואָס איינע איז דער היפּעך פון דער צווייטער, ווערן דערמיט דערגרייכט פאָלגנדע רע־זולטאַטן.

1. ביידע דערשיינונגען ווערן דערמיט שאַרפער אונטערגעשטראָכן.

פון מיר הערט זיך די נאַכט,
נאָר מיר לייכט שוין די זון אין געמיט.

מ. קולבאַק

2. ביידע קעגנזעצלעכע בילדער שאַפן איין גאַנצעס.

און ווער מיט טרערן האָט געזייט דאָס פעלד פון טויט,
דער קערט מיט פרייד צום שניט צום נייעם.

אָ. שווארצמאַן

לאָמיר עפענען די טרוימען
און שמידן די וואָר.

מ. קולבאַק

ס'איז שאָטן דאָ אין אַלע קלאָרסטע קלאָרן
און צאַרטקייט איז פאַראַן אין טיף פון האַרטסטן
שטאָל

א. פעפער

ליבע צו דעם, וואָס גייט אויף;
מיטלייד צו דעם, וואָס פאַרגייט;
ס'איז ענג אין געמיט פאַר אייך ביידע.

ד. האָפשטיין

3. איין קעגנזעצלעך בילד ווערט געבראַכט נאָר, קעדיי צוציען די אויפ־מערקזאַמקייט צום צווייטן בילד, וואָס אינטערעסירט אונז אין דער רעגע, ד. ה. איין בילד קומט צו הילף דעם צווייטן (דער אַרט אַנטיטעזע האָט אַ גרויסע קרוויוועס מיט דער פאַרגלייכונג).

מיר קענען פרעמדע שאַצן אָן אַ צאָל
און היימישע אַפּילע ניט באַמערקן.

א. פעפער

4. די אַנטיטעזע שטעלט אונז פאַר אַן אויסוואַל; אָדער, אָדער.

ווען יעדער פאַל,
ווען יעדער הויב
איז אָדער „יאָ",
איז אָדער „ניין".

ד. האָפשטיין

## אויפגאַבן

געפינט אַנטיטעזעס אין די לידער, וועלכע זיינען געבראַכט אין די פריערדיקע אויפגאַבן.



## 10. פאַראַלעליזם

יעדע פאַרגלייכונג האָט אין זיך פאַראַלעליזם, אָף וויפל צוויי זאַכן, צוויי דערשיינונגען וואָס זיינען ענלעך איינע צו דער צווייטער, ווערן געשטעלט איינע נעבן דער אַנדערער, און ס'באַקומט זיך אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געשטרעבט זיך פאַרענלעכן. אין דער פּאַשעטער פאַרגלייכונג איז די פאַרענלעכקייט אַ טיילווייזע, אין דער מעטאַפאָר—קימאַט אַ גאַנצע, קימאַט אַ פולשטענדיקע.
אויב לאָגיש איז אַפּילע די פאַרגלייכונג ניט שטענדיק באַגרייפלעך, ווערט אָבער דערגרייכט דער עמאָציאָנעלער עפעקט. ס'ווערן באַלעבט די אייגנשאַפטן, וועלכע דאַרפן אין דעם מאָמענט באַמערקט ווערן און מיר דערפילן זיי.

דער פאַראַלעליזם (דאָס נעבשטעלן) איז זייער אַ פאַרשפּרייטער קונסט־מיטל.

אין דער ביבלישער דיכטונג איז דער פאַראַלעליזם זייער ברייט אויסגענוצט. ער האָט דאָרט געשפּילט אַ הויפּט־ראָליע. אין אונזער פאָלקס־פּאָעזיע טרעפט זיך. אַז דער פאַראַלעליזם פאַרבייט אי דעם ריטם, אי דעם גראַם. אין דער מאָדערנער דיכטונג ווערט דער פאַראַלעליזם פאַרטיפערט.

פאָרמען פון פאַראַלעליזם אין שפּראַך און אין קונסט זיינען זייער פאַרשיידענע.

א. עס כאַזערן זיך איבער איינע און די זעלבע קלאַנגען. מייניסטנס פון זעלבן שורעש, וועלכער ווערט אַזוי אַרום אונטערגעשטראָכן (טאַווטאָלאָגיע). איין־אַליין; פון לאַנג, פון לאַנגאָנען.

אַ שאַרפער בליק אין ווייטסטע ווייטן.

ד. האָפשטיין

ב. דער אינהאַלט פון וואָרט ווערט איבערגעכאַזערט דורך קימאַט איינ־באַדייטנדיקע ווערטער. די איבערכאַזערונג מאַכט שטאַרקער דעם איינדרוק און פאַרלענגערט אים.

אָן אַ סאָף און אָן אַן עק; נישט געשטויגן, נישט געפלויגן; אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן.

אָט אַזוי זיך דורגעריסן, דורכגעביסן.

מ. ל. האַלפּערין

מע נאָקעט, מע וויאָקעט, מע טאַפּט אין דער פינסטער.

א. שווארצמאַן

דיין נאָמען וועט העלן, דיין נאָמען וועט קלאָרן.

ד. האָפשטיין

ג. אין איין־און־דערזעלבער פראַזע ווערט איבערגעכאַזערט איין־און־דאָס־זעלבע וואָרט. די איבערכאַזערונג האָט אַ ציל צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער אָף אַ באַשטימטן באַגריף, ווי אָף אַ הויפּט־פונקט פון דער געגעבענער שורע. דערדאָזיקער מיטל מאַכט די שורע אויפגערעגטער, ליידנשאַפטלעכער.

און דער פרילינג האָט פאַרבעטן:
איר זאָלט קומען, איר זאָלט קומען...

מ. טייטש

און פיינט? און פיינט אַזוינע, מיט אַלטע קרוינען!
ד. האָפשטיין

עס שטילן זיך כוואַליעס
. . . . . . .
און נידערן, נידערן, ציען זיך אויס,
צעציען די גלידער אַף יאַמישן שויס.
ד. האָפשטיין

אַזוי וויג מיך, וויג מיך, וויג.
ז. לאַנדוי

איצטער, איצטער ווערן רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזן, מיינע וואונדן.
מאַני-לייב

ד. עס כאַזערן זיך איבער גאַנצע פראַזן און שורעס. דערמיט ווערט דערגרייכט אָפט א באַזונדערע סימעטריע, וועלכע מאַכט שאַרפער די אָנגע-שטרענגטקייט פונם לייענער. דער ריטמישער מוזיקאַלישער גאַנג פאַרציט דעם לייענער אין זיין געוועב. יעדע איבערכאַזערונג גיט א באַזונדערן שטויס.

בא מיין רעבן איז געוועזן,
איז געוועזן בא מיין רעבן,
בא מיין רעבן איז געוועזן
א גענייוועו.
פאָלקס-ליד

ווי ס'איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
א פויגעלע אַף דעם יאַם,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אז מע קומט אָן צו א שלעכטן מאַן.
פאָלקס-ליד

יונגער טאָג איז אויפגעגאַן געראָטן,
יונגער טאָג איז אויפגעגאַן נאָך לוין.
ע. מינינבערג

אין מיט פון טאָג
איז יעדער זאַך
באַהערשט מיט שיין;
אין מיט פון טאָג
איז יעדער שאָטן קלענער;
אין מיט פון טאָג
פאַרגיין,





אין מיט פון טאָג
א טרוים צו זיין —
אין שענער...
ד. האָפשטיין

אין די ביישפילן ווערט פינקטלעך איבערגעכאַזערט קימאַט איינע און די זעלבע שורע. פאַראַן אָבער פאַלן, ווען די פאַראַלעל דריקט זיך אויס, אין ענלעכע אָדער אַפילע קעגנזועצלעכע בילדער, וועלכע האָבן איין און דעמ-זעלבן בוי.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין.
שיינע באָכערים נעמען מיר,
מיעסע לאָזן מיך גיין.
פאָלקס-ליד

פון אַלע וועלדער, וואָס איך האָב געזען,
איז טונקלער טאָנען-וואַלד געדיכטער...
ווי אומגליקלעך וואָלט איך געווען,
איך זאָל אַצינד ניט זיין קיין דיכטער.
ד. האָפשטיין

ביז עס לויפט נאָך א האַנט
און די פיס קאָנען שטיין,
איז אַ וואַנט צו אַ וואַנט
און אַ שטיין צו א שטיין.
אי. פעפער

### אויפגאַבן

געפינט פאָרמען פון פאַראַלעליזם אין די לידער, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין דער פריערדיקע אויפגאַבן.

## 11. לעקסיק

די שפּראַך באַשטייט פון ווערטער. דער סכום פון אַלע ווערטער דאָס איז דער ווערטערבוך, אָדער אַנדערש, דער לעקסיקאָן פון דער שפּראַך. דער לעקסיקאָן בלייבט ניט שטענדיק איינער און דערזעלבער. מיט דער צייט בייט ער זיך.

יעדער קלאַס לייגט אַזוי אָדער אַנדערש אַרויף זיין שטעמפּל אַף דער פאָלקס-שפּראַך. יעדער געזעלשאַפטלעכע גרופּע, קאָן מען זאָגן, האָט זיך איר טיילווייזן לעקסיקאָן. מיטן וואָרט ווערט אָפט אַסאָציִירט די סביווע, אין וועלכער דאָס וואָרט ווערט באַנוצט — די לעקסיקאָן-סביווע. פאַראַן ווערטער.

וועלכע געהערן פולקום צו באַשטימטע סאָציאַלע אָדער עטנישע גרופּן (אינ-טעליגענטישע, פויערשע ווערטער, ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אין באַזונ-דערע צעכן).

פאַראַן ווערטער, וועלכע אַנטשטייען אין אַ באַשטימטער שטייגער-סוויווע (אָפיציעלע שפּראַך א. א. וו.). פאַראַן אויך אַזוינע, וואָס ווערן באַנוצט אין באַשטימטע אַרטן ליטעראַטור (צייטונג-שפּראַך, פּאָעטישע ווערטער, פּראָ-זאאישע), די לעקסישע סוויווע שאַפט די לעקסישע באַפאַרבונג פון וואָרט.

צוויי קייכעס ווירקן שטענדיק אַפן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון דער שפּראַך.

פון איין זייט ווערט אָפּגעהיט אַ שלאַל פון שוין פאַראַנענע ווערטער. פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסע צאָל ווערטער ווערן מיט דער צייט פאַרעלטערט, גייען אַרויס פון אַלגעמיינעם געברויך און ווערן סאָפּקאָלסאָף פאַרגעסן. אַזעל-כע ווערטער הייסן אַ ר כ אַ א י ז מ ע ן.

פון דער צווייטער זייט גייט דער פּראָצעס פון וואוקס. דאָס לעבן ווערט פאַרשיידנאַרטיקער און קאָמפּליצירטער.

ס'קומען צו נייע באַגריפן, ס'ווערן באַשאַפן נייע זאַכן. די שפּראַך ווערט באַרייכערט מיט נייע ווערטער.

ס'ווערן אַריינגענומען אַסאַך פרעמדע ווערטער, אַסאַך געגנט-ווערטער (ד י אַ ל ע ק ט י ז מ ע ן).

ס'ווערן באַשאַפן ווערטער פון דאָס-ניי. די ניי אויסגעבילדעטע ווערטער הייסן נ ע אָ ל אָ ג י ז מ ע ן).

---

אַ וויכטיקע ראָליע אין לעבן פון שפּראַך, שפּילט די קינסטלערישע לי-טעראַטור.

קעדיי צו פאַנאַנדערשיידן די עלעמענטן פון דער אידישער ליטעראַטור-שפּראַך אין פּראָצעס פון איר וואוקס, איז נויטיק צו האָבן אַ פולשטענדיק בילד פון דער אַנטוויקלונג פון אידיש, און האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן די עטאַפּן, וואָס די שפּראַך האָט דורכגעמאַכט, ביז זי איז געקומען צו דער מאַדרייגע, אַף וועלכער מיר טרעפן זי איצט.

דער צושטאַנד פון דער אידישער שפּראַך-אויספאָרשונג, גיט נאָך דערווייל ניט קיין מעג-לעכקייט קומען צו באַשטימטע אויספירן. אָט וואָס עס שרייבט זאַלמען רייזן, דער געטרייער פאָר-שער פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור:

„באַם היינטיקן צושטאַנד פון ליטעראַטור-פאָרשונג, ווען קימאַט אַלע אַרבעטן אַף דעם געביט טראָגן דעם כאַראַקטער פון טרוקענער ביבליאָגראַפישער פאַרצייכעניש פון דעם אָדער יענעם סיידער, ווען פאַר דער גראַמאַטישער און לעקסיקאַלישער אויספאָרשונג פון די ווערק פון דער אידישער לי-טעראַטור איז נאָך אַזוי גוט ווי גאָרניט אָפּגעטאָן געוואָרן, איז נאָך שווער אויסצושטעלן אַ בילד פונם אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון אונזער לעבעדיקן לשון און פון אונזער שריפטלעכער שפּראַך אין אַלע זיינע סטאַדיעס".

די שפּראַך פון דער אידישער ליטעראַטור איז פונם מאָמענט פון איר אַנטשטייאונג געווען אַ שפּראַך פאַר ברייטע פאָלקס-מאַסן.

אונזערע קלאַסיקער — מענדעלע, שאָלעם-אליכעם, — האָבן מיינסטנס גע-זאַמלט די פאַראַנענע אויצרעס פון דער אידישער פאָלקס-שפּראַך. פון פּערעצן אָן





באַווייזן זיך אַ דיי וואָרט-שעפער, וועלכע באַנוגענען זיך ניט מיט דער פאָלקס-שפּראַך פון זייער טאָג. די אידישע ליטעראַטור ברעכט אין די לעצטע יאָרן די ענגע ראַמען פון שטייגער-שילדערונג, און ווערט באַהערשט דורך אוניווערסאַ-לע מאָטיוון, וועלכע פאָדערן נייע ווערטער.

פּערעץ האָט אַ שעפּ געטאָן פונם אויצער פון דער אַלטער העברעאישער קולטור, וואו ס'איז נאָך געווען אַ מענגע אַבסטראַקטע באַגריפן, וועלכע האָבן געקאָנט אויסגענוצט ווערן פאַר נייעם פאַרטיפטן שאַפן; אָבער אויך ער האָט שוין אַריינגעבראַכט אַ גאַנצן שטראָם פון מאָדערנע באַגריפן.

אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער פּאָעזיע, קומט איצט פאָר דער שווערער פּראָצעס, פון אַריינעמען אין זיך דעם גאַנצן שלאַל נייע שטייגער-ווערטער און נייע באַגריפן, מיט וועלכע דאָס לעבן איז באַרייכערט געוואָרן.

אַסאַך נייע ווערטער ווערן באַשאַפן אונטער דירעקטער נויט און שע-פערישער אָנגעשטרענגטקייט.

פאַראַן אויך אַזעלכע נייע ווערטער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר בלויז עקספּערימענטאַטאָרישע פּרואוון. אַסאַך שלאָג-ווערטער האָבן זיך דורכגעריסן פונם ענגן קרייז פון דער אידישער דיכטונג אין ברייטן פאַרקער פון די אידי-שע מאַסן: אין צייטונגען, אין טאָגטעגלעכער שפּראַך, אין שול-געברויך. די נייע אידישע דיכטונג האָט ווי אויפגעהויבן דעם גאַנג פון אידישן וואָרט.

דער רוסישער געלערנטער און דיכטער לאָמאָנאָסאָוו, האָט איינגעטיילט די שפּראַך אַף דרייערליי סטילן, אָדער גענג: הויכער, מיטעלער און נידערי-קער. ער האָט עס געטאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, אין וואָסערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט די שפּראַך איז געברויכט געוואָרן אין לעבן און צוליב וואָס פאַר אַ צוועקן זי דינט אין ליטעראַטור. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער אי-דישער ליטעראַטור, וואָס איז שטענדיק געווען אַ ליטעראַטור פאַר די פאָלקס-מאַסן, איז אַזאַ צעטיילונג קיינמאָל ניט מעגלעך געווען.

דאָך קאָן מען זאָגן, אַז די יונגע אידישע דיכטונג האָט די עלטערע אידישע דיכטונג פון רייזינען, ראָזנפעלדן, איינהאָרנען א הויב געטאָן ניט נאָר אין אויסוואַל פון טעמע, נאָר אויך אין דער פאַרטיפערונג און פאַרברייטערונג פון לעקסישן דיכטערישן שטאָף.

נאָר אדאנק אָט דעם עטאַפּ, איז מעגלעך געוואָרן די פאַרפיינערונג פון פּרימיטיוו און די אָנווענדונג פון ליטעראַרישער קולטור, וואָס באַמערקט זיך באַ אַזעלכע עמעסע, צייט-געטרייע מאַסן-דיכטער, ווי איציק פעפער, איזי כאַריק א. אנד.

ווי מיר האָבן געזען, ווערט די שפּראַך באַרייכערט דורך ניי-געביל-דעטע ווערטער, דורך נ ע אָ ל אָ ג י ז מ ע ן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס נייע וואָרט מוז געשאַפן ווערן לויט די געזעצן און נייגונגען פון וואָרט-בילדונגען, וועלכע זיינען אָנגענומען אין דער שפּראַך.

נאָר דאַן, באַ אַ געלונגענער קאָנסטרוקציע, איז דאָס נייע וואָרט פאַרשטענד-לעך און עס ווערט איינגעבירגערט אין דער שפּראַך.

שלעכט געבויטע נייע ווערטער, וואָס אַנטשפּרעכן ניט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער שפּראַך, קאָכן זיך ניט איבער און ווערן גיך אָפּגעוואָרפן.

די וואָרט-שאַפונג מוז זיין אָרגאַניש.

די נעאָלאָגיזמען פילן אויס פאַרשיידענע פונקציעס אין פּראָצעס פון אויסאַרבעטן די ליטעראַרישע שפּראַך; עס ווערן געשאַפן נעאָלאָגיזמען, וועלכע האָבן די אויפגאַבע צו באַצייכענען די נייע אויפגעקומענע באַגריפן.

דער דראַנג צו נעאָלאָגיזמען שטאַמט אויך אָפט פונם ווילן צו דער-פרישן דעם איינגעשטעלטן, שוין אַביסל צוגעגעסענעם וואָרט-שאַבלאָן.

מיר וועלן אָנווייזן אַף די לעקסישע אָנשטרענגונגען פון דער נייער אי-דישער דיכטונג אין די אויפשטייג-יאָרן, לעכאָלאַפּאָכעס, די הויפּט שטריכן פון אָט דעם שאַפונגס-פּראָצעס.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן א גאַנצע ריי נייע וואָרט-בילדונגען.

א ריי הויפּט-ווערטער (הויפּטזאַכלעך אַבסטראַקטע), וועלכע פלעגן געוויינלעך באַנוצט ווערן בלויז אין איינצאָל, ווערן איצט געברויכט אין מערצאָל.

ערדישע ברייטן און לענגען.
לויף איך אין ווילדע געוועטן.

א גאַנצע ריי אומשטאַנד-ווערטער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הויפּט-ווערטער, דערביי האָבן אייניקע באַקומען די פאָרם פון מערצאָל.

ס'איז שווער ניט פאַרגעסן די שאַרפע אַמאָלן.
פון אומגערנס טויזנטער שטייגט — מיין קלאָרער אומיסטן.
שיק איך פרייד די פלינקע איצטן.
און ס'וועט זיך כאָלעמען מיין האַרץ מיין היים, מיין הי.
מיר האָבן ערשט נעכטן אַן אָנפלי פאַרוואָסן צעשאָסן, צעריסן.

פון הויפּט-ווערטער זיינען געשאַפן צייטווערטער.

דורך פענסטער אָפענעם
א שוואַרצע שטיק פון וועלטן-שטאָף,
אין בלוי, אין העל געשטערנט,
פאַרפאָרהאַנגט מיר מיין גליענדיקע מי.

פון צייטווערטער זיינען געשאַפן געוואָרן נייע הויפּטווערטער.

אין בייזע אָנפליען פון שניידיקן געוויטער
באַם פריינטלעכן געוואַך, פון מיין עלעקטריש לעמפּל.





האָט ער געקוקט און זיין גאַנץ וועזן איז געווען אויגן, זיין גאַנץ לייב— שרעק, פינסטערע אָנונגען, בייסיקע ציין פון זיקאָרן — און צוגענאָגלקייט.

א. לעיעלעס

ס'זיינען געשאַפן געוואָרן נייע אייגנשאַפט-ווערטער (מיטלווערטער).

דילן פאַרבוקטע דורך שטערנס פון דוירעס.

מיט דער הילף פון א גאַנצער ריי פּרעפיקסן זיינען באַשאַפן אַסאַך נייע ווערטער.

איך בין ווידער אין וואַלד
אין מיין אוראַלטן לאַנד
אין דעם ליכטיקן קרייז,
פון מיין אור-יונגער פרייד.
און ווידער רופט און מאָנט דאָס האַרץ מיט ווייטע
אויסוועלטן זיך העפטן
מיין אָטעם מיין שטיקן
צונויפגעפלאַמט האָב איך מיט אָטעם פון מענגען,
דעם גלי פון מיין ווילן
צונויפגעהויכט האָב איך מיט פלאַקערס פון ערדן.

ס'זיינען געשאַפן געוואָרן נייע צונויפזעצונגען.

לעבנס-ליכט, לעבנס-פלאַמען, וואָלקן-רויך, וואָלקן-בלייען, ערדן-מיט פרי-געקלאַנג, נעפל-שויסן.

„מיט האַרצן-ציטער הער איך זיי די טויזנט-אָטעמדיקע פרייד-גע-שרייען, מיט גליווער-לייד דערשפיר איך זיי די שטומע צאַפּלדיקע ווייען".

עס מערקט זיך א נויגונג צו פאַרקלענערן דעם געברויך פונם אַרטיקל. כוץ פאַרקירצונג ווערן דערביי דערגרייכט באַזונדערע עפעקטן. דאָס וואָרט באַקומט אָפט א נייעם אינהאַלט. אין דער הינזיכט זיינען אָבער פאַראַן אַסאַך גרייזן. פאַראַן פאַלן פון ניטדורכגעטראַכטער שטרעבונג זיך צו באַפרייען פונם אַרטיקל. דער אינהאַלט ווערט דערביי פאַרנעפּלט.

ס'איז, פאַרשטענדלעך, ניט מעגלעך אויסשעפּן אלע מינים פון נייע וואָרט-בילדונגען, און נייע וואָרט-באַהעפטונגען, וואָס זיינען פאַר די לעצטע יאָרן איינגעטראָגן געוואָרן אין דער נייער אידישער דיכטונג.

די וויכטיקסטע האָבן מיר באַמערקט.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר זיי איז דאָס, וואָס זיי שאַפן נייע באַגריפן און שטרעבן גראַמאַטיש צו שאַרפקייט און קורצקייט.

די שפּראַך איז געוואָרן געפּרעסטער און אָנגעשטרענגטער.

אינם קליינעם ווינקעלע פון אונזער באַאָבאַכטונג-קרייז, אין דער מאָ-דערנער אידישער פּאָעזיע, איז צו מערקן א צווייענדיקע טענדענץ פון שפּראַך-פאַרברייטערונג.

פון איין זייט ווערן אַריינגענומען טערמינען פון פּינקטלעכער וויסנ-שאַפט (אַטאָם, צענטער, זעניט), נעמען פון נייע זאַכן (עראָפּלאַן, פּראָפּעלער, ראַדיאָ), פון נייעם שטייגער (נאָדל-פּאַריין, קאָמיוג, יעווסעק, פּיאָנער, קאָלאָ-ניע, שינעל, מיטינג, צייטונגען, יונקאָרן, אַרבפּאַק, קים, קאָמינטערן א. א. וו.).

פון דער אַנדערער זייט, קעדיי צו העכערן דעם גאנג, קומט מען אָפּט אָן צו ארכאַאיזמען און ארכאַאישע פאָרמען (אָפּער-שאָף, לעסטער, וואָרהייט, זאַלבן).

ווי ס'איז באַוואוסט ווערט די אידישע שפּראַך איינגעטיילט אין דריי הויפּט-דיאַלעקטן: אוקראַאינישן, ליטווישן און פּוילישן.

די אפּשטימונג, דאָס וואוינאָרט, אויך די סוויווע, וואָס ווערט געשיל-דערט, שפּיגלט זיך אָפּ אין דער שפּראַך פונם קינסטלער. ס'ווערן אריינגעבראַכט דיאַלעקטיזמען.

באַ פּערעצן, אַשן און ווייסענבערגן באַגעגענען מיר אַסאַך ווערטער פון פּוילישן אידיש.

די אַמעריקאַנישע שרייבער—מאָריס ראָזנפעלד, קאָברין, אָפּאַטאָשו האבן אַסאַך ווערטער פונם ספּעציפישן ענגליזירטן אידיש.

פאַרשטייט זיך, אז איינצלנע ווערק, וועלכע שילדערן באַר נייע שטיי-גער-סוויווס, ברענגען אויך אַריין נייע ווערטער (דעהיינע, „שמוגליארס“ פון אויזער וואַרשאַווסקי, וואו ס'ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון קאָנטראַ-באנדיסטן).

אָפּט ווערן אַריינגענומען אין אַ ליטעראַרישע ווערק ניט נאָר איינצלנע ווערטער פון א באַזונדערער סוויווע (אין ברייטן זין פון ווארט), נאָר עס ווערט איבערגענומען דער גאַנצער גאַנג פון דער סוויווע-שפּראַך. דאן באקומט זיך אַ סטיליזירונג פון דער שפּראַך.

סטיליזירטע שפּראַך הייסט אַזאַ שפּראַך, וועלכע האָט אַן אינטאָנישע לעקסישע באַפאַרבונג, און טיילט זיך בולעט אויס אָפּן פאָן פון דער אַלגע-מיין-אָנגענומענער ליטעראַרישער שפּראַך.

אין גרונט פון סטיליזאַציע ליגט די נאָכמאַכונג פון אַ פרעמדער שפּראַך.

....„פון לויטער קלאָרן געזיכט דיינעם, ביז דער שוואַרצער מאמע-ערד גריס איך דיר, ליבער מאַן מיינער, מיטרי אַפּאַנאַסיעוו. דיין האַנט די האָרע-



פּאַשנע קוש איך אַנצאָליקע מאָל, און ווינטש, הארצלעכע, דיר און אלע דיינע טאַטן אירע. און נאָך קאָן איך מעלדן דיר, מיטרי אפּאַנאַסיעוו, ליבער מאַן מיינער, אַז מאַלאַניעס איוואַן, האָט מען געבראַכט צופירן, און ווי א האָלץ-קלעצל זעט ער אויס. אָן הענט און אָן פיס, אן ארומגעהאקטער אין אלע זייטן איז ער, און דער קאָפּ איז באַ אים אין די פּלייצעס אריינגעקראָכן. צו-ליב וואָס איז דאס באַ אים דער קאָפּ אין די פּלייצעסאריינגעקראָכן? ווי מע וואלט אים מיט א האמער אריינגעהאַקט, און קוקן קאן ער נאָך אַראָפּ, ווי א כאַזער. דעם באַלקן קאן ער ניט זעען. צוליב וואס איז עס אזוי? און מאלא-ניע האט געדאַרפט אַף דער ערד זיך אויסציען, ער זאל זי קאנען זען און האט ניט געוואלט אים קושן.

ניט איר איוואַן איז עס,— זאגט זי,— און איז גלייך אנטלאפן און אין וואַסער זיך אריינגעוואָרפן און איוואַן האט געריוועט, ווי א געקוילעטער אָקס, און געבעטן, מע זאָל אים אין נאָווגאָראָד פירן. ער האט דארט די הענט מיט די פיס פאַרגעסן, און מע קאָן אים מיט קיין זאַך ניט שטילן. ער וויל נאָר, אז מאלאשקע זאָל אים קושן, אז ניט, זאָל מען אים קיין נאווגאראד פירן, וועט ער זיינע הענט און פיס אָפּנעמען. און נאָך קאָן איך דיר שרייבן, אַז באַ אונז הערט זיך, אז עס וועט באלד זיין שוין א נייע מילכאמע. מעריקע גייט אַף אונז, און שרייב, וואָס הערט זיך עפּעס באַ אייך פון שאָלעם און ווען וועסטו שוין אהיים קומען, און קויכעס מיינע פאַלן מיר, און אז מעריקע גייט אף אונז, וועט דאָך שוין ערשט זיין וועלט-איבערדרייעניש, און גריסט דיך און בוקט זיך נידעריק דיין ווייב אַרינאַ.

גאַדינער

דאָס איז א סטיליזירונג פון דער רוסישער האמוינעשער עפּיסטאָליאַרי-שער שפּראַך (בריוו-שפּראַך).

נײ-גײסט

אין יאָר פינף טויזנט זעקס הונדערט אַכציק פון דער וועלט-רעכענונג, וואָס מיר רעכענען, און אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט פופציק איינס, נאָך אונזער ניי-נעוואוע, בין איך פינכעס דער זון פון מענאַכעם דעם קויען אין איינעם א באַנאַכט אמאל אין הימל אויפגעגאַנגען; אָנגעקומען אין גאָטס א הויז אין אן אלטן און ווי אין א מישקן אין אן אמאָליקן זיך געטראָפן; אַריינגעגאַן און פאַר אים און פאַר וואָס ס'קומט פאַר אין אים זיך פאַרגעשטעלט.

דער ניסטער

דאָס איז א סטיליזירונג פונם אלטן דערציילונג-שטייגער.

אַלמעכטיקער גאָט!
מיר זיינען אַלע זינדיק —
דער קויהען און דאָס פאָלק;
פאַרנעם אונזערע שטילע טפילעס
און פארגיב אונז
פאר זינד, וואס מיר האבן געזינדיקט
באַ אַלע קוואַלן פרייד;
פאַר שאָף און רינדער,
און פאר קינד אין וועג
פארגיב אונז.
אָ, אַלמעכטיקער,
די טפילע פון דיין קנעכט דערהער.

ל. רעזניק

דאס איז אַ סטיליזירונג פון דער אַלט-אידישער טפילע.

## אויפגאַבן

1. געפינט אין מענדעלעס ווערק „פישקע דער קרומער" פראווינציאַליזמען און פרעמד-ווערטער און פאַרבייט זיי מיט פאסיקע ווערטער.
2. באטראכט די שפּראַך פון סאַנעטשקען אין שאלעם-אלייכעמס ווערק „מענאכעם מענדל" אין קאפיטל „עס גוידלט ניט".
3. טוט דאס זעלבע מיט אַ קאפיטל פון „טעוויע דער מילכיקער".
4. שטעל צונויף אַ צעטלט פון נייע שטייגער-ווערטער, וואס ווערן באנוצט אין סעפערס בוך „אַ שטיין צו א שטיין".
5. באמערקט נעאָלאָגיזמען באַ די מאדערנע שרייבער.

## 12. פּאָעטישער סינטאַקסיס

דורכן געהעריקן אויסוואל פון איינצלנע ווערטער, ווערט אין קונסט דערגרייכט אַ געוויסע מאַמאָשעסדיקייט פון אויסדריק און איינדרוק. דאסזעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן קאָנסטרוקציע פון זאַץ, ד. ה. וועגן צוזאמענשטעל פון ווערטער און זייער באַטאָנונג און פאַרבינדונג אין גאנצע זאַצן. מיינסטנס, ווערט דורך די זאַץ-קאָמבינאציעס געהעכערט דער עמאָציאָנעלער גאַנג פון דער שפּראַך. ס׳איז וויכטיק צו באמערקן, דורך וועלכע מיטלען ס׳ווערט פאַרגיכערט דער טעמפּ פון שפּראַך, ווי אַזוי ווערט דערגרייכט די צוימונג פון פארשיידענע טיילן אין איר, ווי אזוי ווערט די שפּראַך געשפּאַרט, ווי אזוי ווערט זי געברעקלט און געשמידט.



### א. עליפּסיס

עס ווערן דורכגעלאָזן גאַנצע גלידער פון זאַץ און דער איינדרוק שפּילט אויס; ער ווערט שאַרפער און ענערגישער.

צייטיקט איצט א פעלד און גיסט זיך אָן מיט קרעפטן;
זאָט בין איך און צייטיק: קום און נעם.
איזי כאריק

דאָ איז דורכגעלאָזט געוואָרן „גלייך ווי עס זאָגט".

פאר פייער ערד
א שטויב — פאַר שווערד.
ד. האפשטיין

און, ווי: אין שניי — אַ פלעק.
אָ. שווארצמאן

אין הימל — איין גאָס איז, קיין שטערן, קיין מינדסטער.
אָ. שווארצמאן

### ב. אינווערסיע

ס׳ווערט געבראָכן דער געוויינלעכער וואָרט-סיידער: צוויי שכיינישע ווערטער, בייטן זיך מיט די ערטער, אָדער די ווערטער ווערן אַזוי צעשטעלט אין זאַץ, אַז ס׳ווערט צעשלאָגן די שכיינעס צווישן מיט-געשטימטע ווערטער.

ווער זייט איר, פעלזן-בערג?
ווער האט אייך, מיילער, אָנגעגאָסן בליי?
פ. מארקיש

נאָר וואו אַ וועג אַ העלער פירט,
איז יעדער צווייג מיט ווינט שוין דורכגעשליפן.
ד. האפשטיין

דער היישעריק דער ווינטישער דערעסט
די פוילע שנייען אין די טאָלן.
ד. האפשטיין

באַ הימלען, באַ זויבערע בלויע,
באַ קלאַנגען פון זילבערנעם טאָג,
גייט אויס דאָרט אַ יונגע אַ בלאָנדע,
די ליד פון איר מיידלשן טאָג.
דינע ליבקעס

ווען ווייט אָט די בלויע געטאָן האט אַ שאָל
א. וועלערניצקי

פארשטייט זיך, אַז אידיש איז ניט קיין לאַטיין, און מיסברויכן מיט דער אינווערסיע טאָר מען ניט. מע דארף זיך אויך היטן פאר מיספארשטייעניש.

## ג

אין דער דיכטערישער שפּראַך, טרעפן זיך אָפט אַזעלכע סינטאַקסישע קאָנסטרוקציעס, וועלכע ווערן געברויכט ניט אין זייער אייגענער באַדייטונג, נאָר זיי ווערן אויסגענוצט אַלס באַשטימטע הילפס-מיטלען. זיי פאַרשטאַרקן די עמאָציאָנעלע ווירקונג.

### 1. ריטאָרישע פראַגע

אַזאַ פראַגע, אין וועלכער ס'ווערט אייגנטלעך געגעבן אַ באַשטעטיקונג.

מיין ברודערס ליפּן בלוילעך געל
און ציטערן דעם לעצטן ציטער;
וועט עמעץ קושן זיי אַכוץ זיין מוטער?
מיין ברודערס האַנט פאַרגליווערט ווערט
און וויל די ערד אומאַרעמען,
וועט עפּשער עמעצער זי אַף זיין ברוסט דערוואַרעמען?..

א. שוואַרצמאַן

וואָס בויגסטו זיך מיין זעל?
וואָס ברומסטו ברוסטיק טיף?

ד. האָפשטיין

### 2. ריטאָרישע ווענדונג

די ווענדונג צו אַן אָביעקט, וועלכער קאָן ניט נעמען קיין אנטייל אין דיאַלאָג.

זאָל אומעט מיך פּליקן אַף שטיקער,
זינען! דאָס האָט ניט צו דיר.

א. קושניראָוו

אָ, זון, פאַרהאַלט זיך אַ קאַפּל!
איך הייס, איך באַפעל, איך באַשווער,
איך בין אַפן העכסטן שטאַפּל, —
איז מיר שווער.

מ. כאַשטשעוואַצקי

כ'האָב אויך אַ פּאָדעם צוגעשטעלט
צום נייעם קנויט
פון נייעם פּאָקל דיינעם,
אָ, גרויסע וועלט!

ד. האָפשטיין

### 3. ריטאָרישער אויסרוף

ווי אומגערן ווערט געגעבן אַן עמאָציאָנעלער אָפּרוף אַף אַ דערשיינונג. דערמיט אַליין גיט דער קינסטלער וועגן אָט דער דערשיינונג צו וויסן. דער אויסרוף רופט אַרויס אַ שאַרפע עמאָציאָנעלע אויפמערקזאַמקייט מיצאַד דעם לייענער.

ווי טרויעריק זיס איז מענטש צו זיין!

ד. האָפשטיין





אין מיינע פעסטע פיס!
אין מיינע שטאַרקע הענט!
כ'וואָלט אַ יונגן אָקס
דעם קאָפּ פאַרלענדט.

ל. קוויטקאָ

אַזאַ בלויע נאַכט,
אַזאַ בלויע נאַכט!

ל. קוויטקאָ

אָ, פרייד,
אָ, געזאַנג פון מיין זיין!

י. קיפּניס

אין דער קינסטלערישער שפּראַך ווערט ברייט אויסגענוצט די אינטאָנאַציע, אַלס מיטל פון עמאָציאָנעלער באַאַרבונג. די ריטאָרישע פראַגן און אויסרופן זיינען אייגנטלעך אַף דערויף געבויט. די אינטאָנאַציע שפּילט ביכלל אַ גרויסע ראָליע אין דער אָרגאַניזירונג פון דער שפּראַך. אַסאַך שרייבער, איידער זיי פאַרפיקסירן שריפטלעך זייערע געדאַנקען, כאַזערן זיי איבער אַסאַך מאָל אין דער הויך די אָנלויפנדיקע ווערטער; פּאָעטן זינגען דורך זייערע לידער, קעדיי צו געפינען די פּאַסיקע אינטאָנאַציע.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז פאַרן סטיל פון אַ קינסטלערישן ווערק אַ מער אָדער ווייניקער אויסגעהאַלטענער סינטאַקסישער בוי. פאַראַן פאַרשיידענע מיטלען, ווי אַזוי צו גרופּירן אין קינסטלערישן ווערק גאַנצע זאַצן, קורצע אָדער פאַרברייטערטע.

קורצע אָפּגעטיילטע זאַצן מאַכן די שפּראַך אָפּגעטיילט, פלינק. לאַנגע פאַרברייטערטע זאַצן שאַפן אַ צעצווייגטן, דעם אַזויגערופענעם פּעריאָדישן סטיל. באַזונדערס איז קעדאַי אונטערצושטרייכן קאָנסטרוקציעס פון צונויפגעגאָסענע זאַצן, וועלכע שאַפן עטלעכע ריטמישע פיגורן.

אַזעלכע פיגורן ווערן אָפט באַנוצט אויך דורך די מאָדערנע קינסטלער. אַ ריי צונויפגעגאָסענע זאַצן, וועלכע וויקלען זיך פונאַנדער פּסיכאָלאָגיש-בעהאַדראַגעדיק, שאַפן די אַזויגערופענע גראַדאַציע.

ברודערשאַפט

זי איז שוין פול, מיין ברוסט,
כיט פאַרגעפילן הייסע
פון גרויסן קומען דיינעם,
דו, ברודערשאַפט!
ווען יעדער אָטעם גלוסט,
ווען יעדער רודער שאַפט,

ווען יעדער שטיין
איז אָפּגעשווענקט
כון גלייכגילט און פון שטויב,
ווען יעדער פאַל,
ווען יעדער הויב,
איז אָדער „יאָ",
איז אָדער „ניין",
נאָר איז אַ שפּיר,
נאָר איז אַ צי,
נאָר איז אַ שטויס
פאָרויס;
ווען יעדער מי,
ווען יעדער ריר,
און קליין, און קייט,
אליין
איז גרויס,
איז ברייט,
אליין
איז הוילע פרייד.

ד. האָפּשטיין

אויב די אלציינס געבויטע פארברייטערטע זאַצן זיינען אָרגאַניזירט אַזוי, אַז יעדער פון זיי הויבט זיך אָן מיט איינעם און דעמזעלבן וואָרט באַקומען מיר די אַ נ א פ אָ ר.

### רעוואָלוציאָן

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הויבט אָן צו טאָגן;
איך קום ווי א בייזער געוויטער, פון בליץ און פון דונער געטראָגן;
איך קום, ווי א גליטשיקע לאווע פון וואָלקן באדעקטע וואולקאנען;
איך קום, ווי דער שטורעם פון צאָפן, וואס וועקט און דערשרעקט אָקעאנען;
איך קום, ווייל עס האבן טיראנען פארוואנדלט די פעלקער אין טראָגנען;
איך קום, ווייל מע פיטערט דעם פרידן מיט פולווער, מיט בליי און קאנאָנען;
איך קום, ווייל די וועלט איז צעטיילט און דער בונד פון דער מענטש-הייט צעריסן;
איך קום, ווייל מע וויל פאר דעם צייט-גייסט דעם ענדלאָזן וועלט-רוים פארשליסן;



איך קום, ווייל איך בין אין דער מידבאָר פון הערשאפט געבוירן געוואָרן;
איך קום, ווייל עס האבן די הערשער געוועקט און דערצויגן מיין צאָרן;
איך קום, ווייל די מענטשלעכע ברוסט קאָן די זריע פון לעבן נישט טויטן;
איך קום, ווייל מע קאָן ניט די פרייהייט אַף אייביק פארשמידן אין קייטן;
איך האב די געקנעכטיקטע פעלקער געפירט אין די פריערע צייטן;
איך האב זיי געהאלפן די שענדלעכע קנעכטשאפט אַף פרייהייט פאר-בייטן;

באוושאווער

## אויפגאבן

געפינט די פאָרמען פון פּאָעטישן סינטאַקסיס (עליפּסיס, אינווערסיע, ריטאָרישע ווענדונג, ריטאָרישער אויסרוף, ריטארישע פראגן) אין די פאלגנדיקע לידער.

### אַן עפּל

דו, ריינער לאָגל, פול מיט ווין מיט שנייאיק האַרטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופּטיק איז דיין דינינק הייטל,
ווי מילד פאַרזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך, מיט האַרטע,
פון ביידע זייטן!

וואס זאל איך טאָן? די ציין, דער גומען וואַרטן.
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אזא גרויס, א העלן, אַ געגאַרטן,
פון פרילינגס פריידן?

א ווייטער גרוס פון ווייטע בליטן,
פון ערדן-רויך מיט זונען-שטראַלן,
נאָר אָט די ציין — זיי וואַרטן, היטן...
א ביס — פאַרפאַלן!...

ד. האָפּשטיין

### ערשטער שניי

איז דען ניט מיט ערשטן שניי,
גאָר די וועלט באַהאַנגען?
איז דען מער ווי מענטשן צוויי
דאָ אַמאָל געגאַנגען?...

41

איז דען דא אָף גאָרער וועלט,
עפּעס נאָך כוץ קלאָרהייט?
וואס איז דאָ אין קלאָרער קעלט
אויסער ווייסער וואָרהייט?

אויב עס האט דאָ ווער געלעבט,
איז אָט דאָ געגאנגען,
האט ער דען וואס מער געוועבט
כוץ די שטילע קלאנגען?

האב איך דארטן ערגעץ-וואו
ווי און ווינד געשניטן —
וואס-זשע זע איך אויסער רו?
אויסער ווייסע בליטן?

ד. האָפשטיין

# פאַרצייכעניש פון אווטאָרן

(די ציפערן באַטייטן די זייטלעך)


**א**

אדלער 11
אייזלאנד 22
איינהאָרן 11, 44, 46 49, 51, 53, 54, 55
אַפּאַטאָשו 52
אַקסעלראָד 51

**בּ**

באָוושאָווער 82—83
בערגעלסאָן 39, 43, 52, 60
בראָדערזאָן 26

**ג**

גאָדינער 53, 77
גילדין 59

**ד**

דאָברושין 29

**ה**

האלפּערין מ. ל. 11, 33, 69
האלקין ש. 47, 58
האָפּשטיין 14, 21, 24, 26, 33, 35, 36, 42, 44, 45, 46, 47, 48, 49, 53, 55, 57, 58, 62, 63, 65, 66, 68, 69, 70, 71, 79, 80, 82, 83, 84

**וו**

וואלקנשטיין ד. 55
ווייסנבערג 51
וועלעדניצקי 59, 79

**ט**

טייטש מ. 60, 60
טייך 58

**כ**

כאָראל ד. 58
כאריק 18, 21, 25, 44, 53, 66, 79
כאשטשעוואצקי 18, 53, 59, 80

**ל**

לאנדוי ז. 70
לייוויק 12, 26, 47
ליבקעס 79
ליעסין 33, 46
לעיעלעס 75

**מ**

מאָני-לייב 9, 11, 12, 26, 33, 40, 46, 47, 70
מאָרדכעלע 64
מאַרקיש 27, 58, 79
מילער 51
מענדעלע 40, 52, 67
מנחם 51

**נ**

ניסטער 60, 77
ניידוס 21, 28

**ס**

סעגאלאָוויטש 11, 27

**ע**

עטינגער 64

**פּ**

פּיאַטיגאָרסקאַיא 51
פּערעץ 13, 60

### פ

פינינבערג 18, 24, 45, 47, 55, 58, 70
פעפער 16, 19, 21, 52, 55, 65, 66, 68, 71
פרוג 11, 44

### ק

קאהאן 34, 35, 53
קולבאק 37, 68
קושניראוו 16, 20, 23, 35, 41, 44, 47, 53, 56, 57, 62, 80
קוויטקא 20, 22, 40, 42, 43, 44, 45, 47, 58, 63, 81
קיפנים 81

### ר

ראבין 51, 58
ראזענפעלד מ. 12, 34
ראסין 24, 58
רויזנבלאט 27
רייזין א. 11, 14, 20, 26
רעזניק ל. 34, 47, 48

### ש

שאלעם-אליינעם 40
שאפירא 13, 53
שווארץ 43
שווארצמאן 8, 9, 10, 35, 41, 42, 44, 45, 50, 53, 55, 58, 66, 68, 69, 79, 80
שויכעט 10
שטאק פראדל 29—30


## ז ו כ צ ע ט ל

(די ציפערן באטייטן די זייטלעך)


### א

אייפאניע 30
אינווערסיע 79
אליטעראציע 33
אלעגאריע 93
אמפיבראכי 9
אנאפאר 82
אנאפעסט 9
אנזשאמבעמאן 14
אנטיטעזע 67
אסאנאנס 33
אקטאווע 28
ארכאאיזם 72

### ב

בילד — דינאמיש 41
— הער-בילד 40
— זע-בילד 39
— קאמפליצירט 42

### ג

גראדאציע 81
גראם—אינעווייניקסטער 29
גראם — אנהויב-גראם 21
— דאקטילישער 21
— ווייבלעכער 21
— מענלעכער 21
— פינקטלעכער 21
— ניטפינקטלעכער 22

### ד

דאקטיל 9
דיאלעקטיזם 72

### ה

היפערבאל 66
העקזאמעטער 17

### וו

וואוילקלאנג 32
וואקאלן 32

### ט

טערצינע 28
טריאלעט 29





### י

יאמב 10

### כ

כאריי 10

### ל

לעקסיס 71

### מ

מאניסטראל 30
מעטאנימיע 65
מעטאפאר 57
מעטער 8
מעטריק 8
" קלאסישע 17

### נ

נעאלאגיזם 72

### ס

סאנעט 20
— קראנץ פון סאנעטן 30
סטיל 38
סטיליזאציע 76
סטראפע מיט פארגראמען 26
" " קרייצגראמען 26
" " גארטלגראמען 26
" " דורכגעלאזטע גראמען 26
" " איינצלנע גראמען 27
סטראפן קאנאניזירטע 28
סינעקדאכע 65

### ע

עליפסיס 79
ענדונג מענלעכע 13
" ווייבלעכע 13
" דאקטילישע 13
עפיטעט בילדערישער 44
" עמאציאנעלער 44
עפיטעט — קוואדראט-עפיטעט 47
— קוב-עפיטעט 47

### פ

פאראלעליזם 69
פערזאניפיצירונג 59

### פ

פארגלייכונג בילדערישע 51
" עמאציאנעלע 51
פערז-טאקט (פערז-פוס) 8
" סילאביש-טאנישער 16
" ריין-טאנישער 16
" ריין-סילאבישער 17
פערז-שורע 10

### צ

צעזורע 13
קאנסאנאנטן סאנארע 31
" הילכיקע 31
" דומפע 31
קלאנגען — רייב-קלאנגען 32
אויפרייס-קלאנגען 32
קלאסישע מעטריק 17

### ר

ריטארישע ווענדונג 80
" פראגע 80
ריטארישער אויסרוף 80
ריטם 7
ריטם פון ליד 14

### ש

שפראך טאגטעגלעכע 38
" וויסנשאפטלעכע 38
" קינסטלערישע 38

בנימין הרשב

10

# נספח: הבית הטיפוסי של שיר העם ביידיש

## פתח דבר

שיר העם עמד במרכז עניינה של תודעתה העצמית של ספרות יידיש במאה העשרים. באווירת הפופוליזם ברחוב היהודי – ובהשפעת ההתעניינות בפולקלור שגרפה את תרבויות אירופה – הייתה בגוף המאסיבי של שירי העם עדות לחיוניותו ויצירתו של העם. משוררים רבים הושפעו משירי העם, ציטטו או חיקו אותם. השירה העברית חסרה רקע עממי כזה. ח״נ ביאליק ניסה לתרגם ולחקות אותם במחזור ״משירי העם״ שלו. איסוף שירי העם היה ספורט נפוץ בין חובבי התרבות. הספר הקלאסי בתחום זה היה האוסף הגדול של גינזבורג ומארעק, שנתפרסם בראש המאה העשרים (1901) ובישר תקופה חדשה בהתעניינות האינטליגנציה היהודית בתרבות היהודית בכלל ובתרבות העממית בפרט.[1]

החיבור המובא כאן הוא פרק מתוך עבודה סמינריונית שכתבתי לפני למעלה מיובל שנים – והיא, כנראה, אחת העבודות הסמינריוניות הראשונות שקיבל הסופר והמבקר העברי דב (בערל) שטוק, שהיה הפרופסור הראשון לספרות יידיש באוניברסיטה העברית ושינה את שמו לדב סדן. שיעוריו הראשונים התרכזו בשיר העם היידי וסיכמו תקופה פוריה של איסוף שירי עם, בפרט במזרח אירופה. שיר העם שימש לו לפרופסור סדן מעין גשר ממסורת התרבות היהודית מזה ומן הפולקלור האירופי מזה אל ספרות יידיש המודרנית. סדן עסק הרבה במוטיבים חוזרים בשיר העם ובשירה האמנותית, ואני התעניינתי בחקר הפרוזודיה בעברית וביידיש. העבודה כולה, שעניינה ״בעיות המקצב החופשי בשירת העם ובשירה שהושפעה ממנה״, אבדה כנראה. אבל תמצית המסקנות בתחום המיבנה הריתמי של שירי העם נתפרסמה במחקרי האנגלי על הריתמוס החופשי בשירת יידיש המודרנית.[2] הפרק העוסק במבנה הסטרופי פורסם בספר

1 הספר הופיע במהדורה חדשה בישראל – ראה ברשימת מראי המקומות.

2 ראה בייחוד הפרק "Free Rhythms in Yiddish Folksongs" (pp. 224-232) In: "On Free Rhythms in Modern Yiddish Poetry", *The Field of Yiddish*, U. Weinreich (ed.), New York 1954, pp. 219-266.





דב סדן[3] ומתפרסם כאן בתיקונים ובקיצורים אחדים. בתקופה שחלפה איש לא חקר את הבעיה והדברים נשארו חדשים כפי שהיו כאשר נכתבו בשנת 1952.

הקורפוס שבדקתי כלל כמה מן האוספים של שירת העם ביידיש,[4] ובבדיקה אינטנסיבית הוא נשען על שני הכרכים שפרסם ב־1912 אספן הפולקלור י״ל כהן. ב־1957 ערך מאַקס ווײַנרײַך מהדורה ביקורתית למופתו של אוספו של כהן על כל תוספותיו. מכיוון שמהדורה זו מצויה יותר ניתנים כאן מספרי השירים לפי מהדורות ווײַנרײַך. הדברים המתייחסים למדורים, לסידור הגראפי וכיו״ב לא שונו, והם מתייחסים למהדורת 1912.

על פני השטח נראית הסטרופיקה של שיר העם היידי כאירופית לכל דבר. השירים כתובים בצורות ובמנגינות המעידות על מוצאן ושכנותן האירופית. עם זאת ניתן למצוא מיעוט שירים, שיש בהם יסודות מבניים ולשוניים – טהורים או מעורבים – הבאים בסופו של דבר ממסורת הפיוט העברי. מן הדין להדגיש צד זה כדי לאזן את התמונה הכללית, אבל המחקר שערכתי לא עסק באלה והיה סינכרוני במובהק: בדקתי את הצורות הטיפוסיות לקורפוס שנאסף, גוש מורכב של שירה חיה, המושרת בפי העם בזמן אחד ובתחום גיאוגרפי אחד. ולא עסקתי כאן כלל בשאלות של השתלשלות היסטורית, מוצא והשפעות. גם לא בדקתי את מקומו של שיר העם ביידיש בין המסורות הגרמנית מזה והסלאביות מזה.

לגופו של העיון שלהלן, אולי כדאי לציין שהמסקנות עשויות להיראות דלות או מובנות־מאליהן. זה אופיו של שיר העם שהקונבנציות שלו כבולות ומוגבלות, כפי שהראתה יפה האסכולה המדעית של חקר הנוסחאות (formulaic studies). אף על פי כן דומני שיש מקום גם לסכם וגם לומר את הדברים הפשוטים ולנסח את הכללים שאינם בבחינת ״ידועים״ עד שנבדקו ונוסחו וסוכמו.

1

החוקר הגרמני הויזלר, בספרו הקלאסי בן שלושת הכרכים על תולדות הפרוזודיה הגרמנית, הקדיש פרק מיוחד למקצב שירי העם. הויזלר מציין, שהצורה הנפוצה ביותר בשירי העם הגרמניים היא צורת בית בן ארבע שורות. בית זה בנוי או על דרך חריזת הצמדים אאבב או כזוג של ״שורות ארוכות״

3 בנימין הרושובסקי, ״הבית הטיפוסי בשיר העם ביידיש״, ספר דב סדן: קובץ מחקרים מוגשים במלאות לו שבעים וחמש שנה, הוצאת הקיבוץ המאוחד, ירושלים תשל״ז, עמ׳ 111-128.

4 האוספים של י״ל כהן, גינזבורג־מארק, באסטאָמסקי, מ׳ ברגובסקי, פ״מ קאופמן, ש׳ לעהמאן, ש׳ קופערשמיד, ש׳ קאטשערגינסקי, רות רובין וכן מאמרים ומקורות בודדים. ראה רשימת מראי המקום בסוף המאמר.